STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12048

DER TSORN FUN DER ERD

Sh. Dayksel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער צאָרן
פון דער ערד

א מאַסן-שפּיל
אין
5 אַקטן און 9 בילדער

פון
ש. דייקסל

פאַרלאַג „פונקען“, ניו-יאָרק
1929

Copyright 1929
by
SAMUEL DAIXEL

(אויפפירונג אָן דער דערלויבעניש
פונ'ם שרייבער — פאַרבאָטן.)

Published by
"THE FUNKEN"
New York
1929

The Astoria Press
New York

פּערזאָנען:

ביל סטיווענס, 42 יאָר

ריטאַ סטיווענס (זיין ווייב), 38 יאָר

עלסי, 19 יאָר

נעד, 7 יאָר

רוט, 5 יאָר (זייערע קינדער)

פּאָל, 17 יאָר

מאַניועל ראָדריגעץ, 30 יאָר

ראָזיטאַ (זיין ווייב), 26 יאָר

דזשאַנסאָן (אַ שוואַרצער)

מאַרטאַ (זיין ווייב)

מייק (זייער 10-יאָריקער אינגל)

פּיט (מייק'ס חבר), 9 יאָר

וואַבלי

גרין

מעקפּאַדן

באַרטעלאַ

מיקולין

בלעק

קאָזלינסקי

דזשאַבאַ

1טע פרוי

2טע פרוי

טאָם (פירער פון די גענגסטערס)

1טער גענגסטער

2טער גענגסטער

1טער קוילן-און-אייזן פּאָליציימאַן

2טער קוילן-און-אייזן פּאָליציימאַן

וואַשינגטאָן (אַ שוואַרצער)

באַרבאַני (סטרייק-ברעכער)

איוואַניעץ

רזשעקסאָן (הויפּט-פאַרוואַלטער פון דער קוילן-קאָמפּאַני)

מעלאָן (אַ פאָרשטייער פונ'ם „רויטן קרייץ“)

ש ע ר י ף

מ ו י ר פ י (אָרגאַניזאַטאָר פון דער קוילן־גרעבער יוניאָן)

ג י י ס ט פ ו ן ק ו י ל ן (אַ מאַן. קורץ אָבער קרעפטיק געבויט. קאָסטיום — צום לייב. אַ געמיש פון שוואַרץ און העל־רויט. דאָס פּנים און די האָר געפּאַרבט אין אַן ענלאַכער פּראָפּאָרציע. די האָר שטייען, צעפּאַטלטע ווי שטיקער קוילן מיט די שפּיצן אַרויף. איינדרוק — פלאַמען.

ג י י ס ט פ ו ן װ א ס ע ר (אַ שלאַנקע פרוי. דאָס פּנים בלוי. גרינע פּאַסמעס האָר הייגנען אַרונטער. דאָס קלייד — גרין־בלוי, פאַלט אין שטראָמען: צוערשט איבער די אַקסלען צום גאַרטל און פונ'ם גאַרטל ביז'ן דיל. איינדרוק: כוואַליעס.)

ג י י ס ט פ ו ן ג א ז (אַ מאַן. דין און בויגעוודיק. העל־געלער קאָסטיום צום לייב, דורכגעוועבט מיט שיטערע, שוואַרצע זיגזאַגן. דאָס פּנים און די האָר — געל, די ליפּן, ברעמען און אויגן — שוואַרץ. באַוועגונגען — לאַנגזאַמע, פּאַרזיכטיקע.)

ד ע ר ט ו י ט

ד ע ר פ י י ע ר מ א ן

(עס נעמען נאָך אנטייל: קוילן־גרעבער מיט זייערע ווייבער און קינדער, סטרייק־ברעכער, גענגסטערס און „קוילן־און־אייזן" פּאָליציי־לייט.)

ערשטער אַקט.

ערשטע בילד: אין סטיוועגס'עס הויז.

צווייטער אַקט.

צווייטע בילד: אין קוילן־גרוב. אין צימער נומער 8.

דריטע בילד: אין קוילן־גרוב. אַרום דער הויב־מאַשין.

פערטע בילד: אין קוילן־גרוב. אין צימער נומער 8.

דריטער אַקט

פינפטע בילד: אין סטיוועגס'עס הויז.

זעקסטע בילד: ביינאַכט אין פעלד.

פערטער אַקט.

זיבעטע בילד: אין סטיוועגס'עס הויז.

פינפטער אַקט.

אַכטע בילד: אין סטיוועגס'עס „באַראַק".

ניינטע בילד: אַרום דער קוילן־גרוב.

האַנדלונג: שטעטל „בלוט־וויל", פאַראייניקטע שטאַטן.

דער צאַרן פון דער ערד

ערשטער אַקט

ערשטע בילד

אַ היבשער עס־צימער אין ביל סטיוועגס'עס הויז. אין דער מיטלסטער וואַנט אַ ברייטע טיר, דורך וועלכער עס קוקט אַריין די קיך. פון ביידע זייטן טיר — צוויי שמאָלע בעטלאַך: בלעק שלאָפט רעכטס, מיקולין — לינקס. אינמיטן צימער אַ קיילאַכדיקער טיש. אַרום אים אַ פּאָר שטולן און עטלאַכע, פון האָלץ געמאַכטע, בענק. אין דער רעכטער וואַנט טרעפּ, וואָס פירן אויפ'ן אויבערשטן שטאָק, וואו עס שלאָפט די פאַמיליע סטיווענס. פאַר די טרעפּ אַ פענצטער, נעבן דעם — באַרטעללאָס בעטל. פונקט אַנטקעגן, נעבן אַ צווייטן פענצטער — מעקפאַדנ'ס בעטל. דאָ געפינט זיך אויך די טיר פון גאַס. אין לינקן ווינקל אַ קאַמאָד. אַ צווייטע טיר געפינט זיך אין קיך.

אַלץ אַרום איז אַלט, אָבער ווערט געהאַלטן ריין. אויף די פענצטער־שוועלן טעפּלאַך מיט בלומען. אויפ'ן טיש אַ ווייסע צעראַטע. פונ'ם באַלקן הענגט אַן עלעקטריש לעמפּל. אין רעכטן ווינקל, אויף אַ מעטאַלענעם צלם, הענגט „דער געקרייציקטער". אויף דער וואַנט איבער בלעק'ס בעטל איז צוגענעגלט גענעראַל פּוירשינג'ס אַ בילד, אויסגעשניטן פון אַ צייטונג, און בלעק'ס אַ פּאָר אייגענע בילדער אין מיליטערישע קליידער. איבער מיקולינ'ס בעטל הענגט לענינ'ס אַ בילד, אויך אויסגעשניטן פון אַ צייטונג.

7 אַזייגער פאַרנאַכט. מעקפאַדן ליגט אויף זיין בעטל, לעזט אַ צייטונג, און רויכערט, באַרטעללאָ זיצט אויף זיין בעטל. דעם קאָפּ געבויגן, און רויכערט פאַרטראַכט. ביים פענצטער רעכטס זיצן גרין און עלסי. מיט איין האַנט האַלט ער זי אַרומגענומען און אין דער צווייטער האַלט ער פאַר איר אַ שאַכטל מיט שאָקאָלאַד. ריטאַ שטעלט אויס געשיר אויפ'ן טיש צו וואַרעמעס.

ערשטע בילד

ג ר י ן: עס, טייערע, ס'איז זייער גוטער שאָקאָלאַד. (גיט איר אַ קוש אין האַלז.)

ע ל ס י: אַ דאַנק. כ׳האָב שוין געגעסן פיר שטיקלאַך. ס׳איז זייער געשמאַק.

ג ר י ן: אַ דאָלאַר מיט פופציק פאַר׳ן שאַכטל באַצאָלט. ס׳איז אײַנגאַנצן פאַר דיר. כ׳וואָלט אויף דיר אַ גאַנצן מיליאָן אויסגעגעבן, ווען כ׳וואָלט נאָר געהאַט!

ע ל ס י: וואו נעמסטו עס אַזוי פיל געלט? אַרבעטסט דאָך ניט. לעצטע וואָך זיך אַ נייעם אַנצוג געקויפט, מיר אַ פּאָר שיך, אַ רינגל, און איצט אַזאַ גוטן שאָקאָלאַד?

ג ר י ן (לאַכט): אַ אָנקל פון ניו יאָרק האָט מיר צוגעשיקט אַ הונדערטער, אַ מתנה. ער שרייבט, כ׳זאָל אײַנגאַנצן פאַרלאָזן דאָס לוזיקע שטעטל מיט די קוילן־גריבער און קומען צו אים... ווען דו זאָלסט נאָר ווערן וואָלטן מיר נאָך קומענדיקע וואָך חתונה געהאַט און אוועק קיין ניו יאָרק. (מיט מורא) כ׳וואָלט שוין אַזוי געוואָלט אוועק פון דאַנען! (זיפצט) נו, וואָס זאָגסטו?

ע ל ס י (שמייכלט צופרידן): איך האָב גאָרניט דאַגעגן. מען וועט דאַרפן איבעררעדן מיט׳ן פאָטער. אָבער... ווייסט: אַ שאָד איבערצולאָזן דאָס שטעטל: כ׳בין געבוירן און אויסגעוואַקסן דאָ.

ג ר י ן: זאָל עס גיין צום טײַוול! קיין בוים, קיין ברעקל גראָז אויף מײַלן אַרום. בלויז קוילן, קוילן און אַ לעבן מיט׳ן טויט שטענדיק פאַר די אויגן. (זיפצט) עך, ווי קומט עס צו ניו יאָרק? די גאַנצע וועלט לויפט דאָך אַהין! מיר׳ן יעדן אָוונט גיין אין אַן אַנדער טעאַטער אָדער מואַווי־הויז. אַך, ווי גוט עס וועט אונז דאַרטן זײַן! נ.ו. נעם נאָך אַ שטיקל!

ע ל ס י (נעמט אַ שטיקל שאָקאָלאַד. דערציילט פאַרטראַכט): דער פאָטער האָט מיר איין מאָל, שוין לאַנג צוריק, דערציילט, אַז זיין פאָטער, דער זיידע, האָט אַמאָל געהאַט אַ גרויסע, שיינע פאַרם. אַ סך פעלדער, אַ וואַלד, אַ טײַכל מיט פיש. האָט אָבער עפּעס אַן אײַזנבאַן קאָמפּאַני באַדאַרפט דאָס לאַנד און דער זיידע האָט זיי די פאַרם בשום אופן ניט געוואָלט פאַרקויפן. מיט ביקסן אין די הענט האָט ער מיט׳ן פאָ געטריבן די קאָמפּאַני׳ס אַגענטן פון זיין ערד. האָבן זיי באַשלאָסן אים רואינירן. צוויי מאָל האָבן

זיי אונטערגעצונדן דאָס הויז מיט די שייערן. פאַר׳סמ׳ט די בהמות און אים אַליין ענדלאַך דערשאָסן. דער פּאַ האָט צוויי יאָר צייט פאַרטגעזעצט דעם זיידנ׳ס קאַמף. זיי האָבן אָבער אויסגעפירט: די פאַרם איז צו גרונד געגאַנגען און זיי האָבן זי צוגענומען. די מוטער האָט צו יענער צייט געשוואַנגערט מיט מיין עלטסטן ברודער, וועלכער איז געפאַלן אין דער וועלט־מלחמה. זי איז געווען קראַנק און מען האָט זיך גלייך געמוזט ווי ניט איז איינאָרדענען. ניט ווייט האָבן זיך געפונען קוילן־פעלדער. ניט געווען קיין צייט צו קלייבן. דער פאָטער איז אַוועק אַהין און געוואָרן אַ קוילן־גרעבער. (זיפצט) און אַזוי ביז היינט.

ג ר י ן (מיט כעס): פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן. — די אַלע קאָמפּאַניס! זיי מאַכן אַ תל פון אונז!

ס ט י ו ו ע נ ס (וואַשט זיך און רעדט פון קיך): וואָס פאַראַ וואונדערבאַרע זאַך דאָס וואַסער איז! דער גאָט־פאַרדאַמטער קוילן־שטויב פרעסט זיך איין אין דער הויט, ניט צום אַרויסוואַשן!

ר י ט אַ: ביל, הער זיך אויף צו שילטן!

מ ע ק פ אַ ד ן (צו ריטאַ׳ן): וואָס לאָזסטו אים קיין וואָרט ניט אויסריידן?

ר י ט אַ: מיש זיך ניט, איירישער! מען קען ריידן אָן קללות.

מ ע ק פ אַ ד ן: ס׳איז פונקט ווי עסן אָן זאַלץ. און אַלץ קומט פון דעם וואָס דו לויפסט צופיל אין קלויסטער אַריין. וואָס פאַראַ גוטס קען אַ גלח דיך אויסלערנען?

ר י ט אַ: בעסערס ווי דיך דער „בוטלעגער“. וואָס קומט דיך זען אַלע וואָך!

ס ט י ו ו ע נ ס (דערשיינט אין טיר פון קיך. ווישט זיך דעם פּנים): זיי זיינען ביידע גלייך —דער גלח מיט׳ן בוטלעגער: ביידע פאַרטומלען דעם קאָפּ. איינער מיט גאָט, דער צווייטער מיט שנאַפּס.

ר י ט אַ (אומצופרידן): ביל, כ׳זע ווילסט זיך שוין היינט ווידער קריגן מיט מיר?

ס ט י ו ו ע נ ס (לאַכט): ניין, טייערע! ווייסט דאָך, כ׳בין ליבעראַל. גיי אין קלויסטער וויפיל דיין האַרץ גלוסט. אַבי שלעפּ

מיך ניט מיט. איך בין ניט מער ווי אן ארימער טייוול און דער קלויסטער איז אן עניו פאר די רייכע: זיי לוינט זיך דאס געשעפט.

ר י ט א: גענוג! וואו איז בלעק און מיקולין?

ס ט י ו ו ע נ ס: מיר זיינען צוזאמען ארוים פונ׳ם קוילן-גרוב, האט מען זיי געהייסן גיין אין „אפים".

ר י ט א: אפשר פון דער ארבעט אפליגן?

מ ע ק פ א ד ן: צוליב דעם דארף מען אין אפים ניט רופן.

ב א ר ט ע ל ל א: וואס, צום טייוול, איז דער אונטערשייד? מיר ארבעטן סיי-ווי ניט מער ווי צוויי טעג אין וואך.

ר י ט א: און די שכירות האלט מען אין איין שניידן.

ס ט י ו ו ע נ ס (סארקאסטיש): זיי טוען עס פון אונזערט וועגן: מיר זאלן זיך חלילה ניט איבערעסן און ניט פארדארבן די מאגנס.

(גיט א קלאפ בארטעללא׳ן איבער׳ן אקסל). ניט געזארגט, ברודער! עס וועלן נאך קומען בעסערע צייטן און וועסט אריבערנעמען פון איטאליע דיין ווייב און קינד.

ב א ר ט ע ל ל א: כ׳האב שוין פארלארן מיין האפענונג.

(בלעק און מיקולין קומען אריין איינגעשמירטע, נאך אין די ארבעטער-קליידער.)

ס ט י ו ו ע נ ס: צוליב וואס האט מען אייך גערופן?

ג ר י ן (הערט זיך איין).

מ י ק ו ל י ן (נעמט ארויס פון קעשענע אן אויסשניט פון א צייטונג, וויקלט עס פאנאנדער, גלעט עס פארזיכטיק אויס): כ׳האב געהאט די עהרע דזשעקסאן זאל מיר פערזענלאך אויפנעמען. (פארנייגט זיך קאמיש) ער האט געוואלט וויסן ווי איך פיל, ווי אזוי מיין געזונט איז, צי שלאף איך גוט ביינאכט. (מיט כעס) אזא פארפלוכטער, געלער הונט! מען האט אים איבערגעגעבן, אז איך קריג פון ניו יארק א׳ רוסישע קאמוניסטישע צייטונג „נאווי מיר". האט ער געוואלט וויסן וואס מען שרייבט דארטן. האב איך אים דערקלערט, אז א צייטונג קריג איך. דאס איז אמת. און עס שיקט זי מיר ארוים מיינער א לאנדסמאן אז געלט, און וואס מען שרייבט

דאָרטן וויים איך ניט, ווייל כ׳קען ניט לעזן. דאָס לעצטע איז אים זייער געפעלן.

ס ט י ו ו ע נ ס (צו בלעק׳ן): און פון דיר וואָס האָט ער געוואָלט?

ב ל ע ק: די זעלבע געשיכטע. כ׳האָב לעצטע וואָך זיך אויס־געדריקט פאַר אונזערע קוילן־גרעבער. אַז ווען אַ באַלעבאָס שניידט דעם געהאַלט פון זיינע אַרבעטער — איז ער אַ שונא פונ׳ם לאַנד. האָט ער מיר געהאַלטן אַ לעקציע וועגן פּאַטריאָטיזם און געוואָרנט אַרויסצוזאָגן, אויב כ׳וועל דאָס מויל ניט צומאַכן. גאָר דעמיט! מען קען קיין וואָרט ניט אַרויסריידן: „סטול־פּידזשענס" אומעטום.

מ י ק ו ל י ן (ווייזט סטיווענס׳ן דעם אויסשניט פון דער צייטונג): זע וואָס פאַרא וואונדערבאַר בילד פון לענינ׳ען וויפיל קראַפט און ענערגיע אין זיין פּנים!

ב ל ע ק (וואַרפט אַ בליק אויף דער בילד, קערט זיך אָפּ אומצופרידן).

ס ט י ו ו ע נ ס (באַטראַכט דאָס בילד): מיר וואָלטן דאָ באַדאַרפט האָבן אַ טוץ אַזעלכע.

מ ע ק פ א ד ן: מען דאַרף מאַכן אַ בייט: זיי אָפּשיקן אונזערע פירער און קריגן זייערע.

ב ל ע ק (בייז): מיר׳ן זיך באַגיין אָן זייער הילף!

מ י ק ו ל י ן: ווער זיינען עס „מיר"?

ב ל ע ק: מיר — אַמעריקאַנער! מיר זיינען נאָך דאַנקען גאָט אַ פריי פאָלק!

מ י ק ו ל י ן: געוועזן אַמאָל.

ב ל ע ק: אונזער זאַך — ניט דיינע!

מ י ק ו ל י ן (באַפעסטיקט די בילד איבער זיין בעטל): וועסט עלטער ווערן, בלעק, וועסטו קליגער ווערן.

ר י ט א: געננוג זיך אַרומצורייסן. גייט וואַשט זיך, שנעל! (ביידע אָפּ אין קיך.)

ס ט י ו ו ע נ ס: אַלע צום טיש! (שרייט אַרויף אין שלאָפצימער) פּאָל, אַרונטער. גריין, עלסי, איר וועט שפּעטער ענדיקן אייערע ליבעס דערקלערונגען. (צום ווייב) וואו זיינען די קינדער?

ר י ט א: עפּעס פילן זיי ניט גוט, האָב איך זיי געלייגט שלאָפן.

פאל: איך פלי, פא! (שפרינגט איבער די טרעפּ. צו אַלעמען) אַ גוט אָוונט!

(אַלע זעצן זיך אוים אַרום טיש. מיקולין מיט בלעק׳ן קומען אַריין פון קיך, פאַרנעמען זייערע פּלעצער. ריטאַ דערלאַנגט צום טיש אַ שיסל מיט זופּ. צוגיסט אין די טעלער. אַלע עסן. אַ פּאַוזע.)

עלסי: וואָס האָב איך געהערט, פאָטער, מען רעדט שוין ווידער וועגן שניידן די שכירות?

סטיוועגס: איך גלויב עס ניט אַפילו אויף זיי: ערשט מיט זעקס חדשים צוריק געשניטן אויף 10 פּראָצענט. און ווייטער... ווער ווייסט?

מעקפאַדן: ניטאָ באַלד פון וואָס צו שניידן.

בלעק: הונגעריקע קענען ניט אַרבעטן.

מיקולין: וואָס גייט עס זיי אָן? זיי צאָלן אונז בלויז פון וואָג, און פון דעם גנב׳עט מען נאָך אויך גענוג אַוועק ביים וועגן.

סטיוועגס (צו בלעק׳ן): דו, ברודער, שלאָגט זיך אַרוים פונ׳ם קאָפּ. אַז ערגעץ וואו אין וואַשינגטאָן אָדער אין אַ קוילן־אָפּיס אין „וואָל־סטריט" זיצט אימיצער און זאָרגט זיך פאַר דיר, ווייל דו ביסט אַן אַמעריקאַנער געבוירענער און האָסט דיין בלוט אין דער וועלט־מלחמה פאַרגאָסן. פאַרגעס עס! אויב מען גיט דיר עפּעס איז עס ווייל מען מוז און עס קאָסט זיי גאָרניט... זאָל עס נאָר זיי, די גרויסע פּאַטריאָטן, אַנרירן, כ׳מיין זייערע קעשענעס, און וועסט פּגר׳ן פאַר הונגער גלייך מיט אַלע אויסלענדער.

מיקולין: אָבער אין אונזער סאָוועטן־לאַנד איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. פאַר אַ לעבן צו מאַכן סטרייקן שוין דאַרטן ניט מער די אַרבעטער, נאָר די רייכע.

מעקפאַדן: איך שטעל זיך פאַר וואָס פאַרא טייערער שנאַפּס עס מוז זיין ביי אייך!

מיקולין: וואָס גאָר שנאַפּס?

מעקפאַדן: ווי קען אין אַ לאַנד, וואו דעם אַרבעטער איז גוט, זיין שלעכטער שנאַפּס? (געלעכטער).

ר י ט אַ: יעדערן ליגט זיינס אין זינען! אַך, דו אַלטער שיכור! (געלעכטער).

ע ל ס י: איך דענק אין אַ לאַנד וואו דעם אַרבעטער איז גוט הערט מען איינגאַנצן אויף צו שיכור'ן. ניט אַזוי, פּאַ?

ס ט י ו ו ע נ ס: יאָ, טאָכטער. נויט און פאַרצווייפלונג — זיי טרייבן עס אונז אַממערסטן צו שיכרות!

(ראַזיטאַ קומט אַריין מיט'ן קינד אויף די הענט. נאָך איר ראָדריגעץ.)

ר אַ ז י ט אַ: גוט־אָוונט. פריילאַך דאָ ביי אייך, און ביי אונז איז אומעטיק. זיינען מיר אַהער געקומען.

ר אָ ד ר י ג ע ץ: ווי קען זיין פריילאַך, אַז נאָר זי קריגט זיך אַרום מיט מיר.

ר י ט אַ: וואָס איז שוין ווידער געשען?

ר אָ ד ר י ג ע ץ: אַלץ דאָס אַלטע. זי וויל ניט אַנדערש, נאָר מאַכן פון מיר אַ העלד, אַ רעדנער. כ'זאָל פייגל כאַפּן מיט די הוילע הענט פונ'ם הימל.

ר אַ ז י ט אַ: אַ מאַן דאַרף זיין אַ מאַן!

מ ע ק פ אַ ד ן: ראַזיטאַ, אפשר וואָלסטו אים גאָר פאַרביטן אויף מיר?

ר אַ ז י ט אַ: וואָלסט שוין ביי מיר קיין שנאַפּס ניט באַדאַרפט מער.

מ י ק ו ל י ן (צו ראַזיטאַ'ן): דו לאָז אים בעסער צורו. ער איז טעטיק אין אונזער יוניאָן־לאָקאַל. נעמט אויף יעדער פאַרזאַמלונג אַ וואָרט און רעדט שטענדיק צו דער זאַך.

ר אַ ז י ט אַ (סאַרקאַסטיש): זיכער, זיכער... ווייל איך נעם נאָך אין דער היים אויף מיט אים אַלע פראַגן און חזר מיט אים איין וואָס צו זאָגן. און אויף די פאַרזאַמלונגען שטיי איך נעבן און הייט אים.

(געלעכטער).

ר אָ ד ר י ג ע ץ (שמייכלט פאַרשעמט): אַז כ'האָב ניט ליב צו ריידן... און שלאָגן זיך האָב איך שוין גאָר פיינט. און זי... זי איז שטענדיק פאַרטיק פאַר יעדער קלייניקייט די אויגן יענעם

אויסצודראפען. גלויבט מיר, ווען איך זאל דארפן איצט חתונה האבן, וואלט איך שוין געקליבן א פרוי ניט מיט די אויגן, נאר מיט די אויערן.

(אלע שמייכלען. קוקן זיך איבער.)

ר א ז י ט א (צופרידן): איר זעט, אט אפילו די חכמה, פון וועלכער איר לאכט — האב איך אויך אין אים ארייגגערעדט!

(געלעכטער. קאזלינסקי און דזשאבא קומען אריין.)

ק א ז ל י נ ס ק י: „פשא־קרעוו!" א גליקלאכער מענטש ביסטו, סטיוועגס; שטענדיק ליכטיק און פריילאך ביי דיר.

ד ז ש א ב א: פרייד זיך צו יענעם, ווער ס'איז אליין גוט און פריילאך.

ס ט י ו ו ע נ ס: זיצט. (זיי זעצן זיך אויף בארטעללא'ס בעטל). ניט געזען היינט וואבלי?

ק א ז ל י נ ס ק י: יא. ער וועט באלד זיין דא.

(דער עולם צעגייט זיך פונ'ם טיש. אלע פאררויכערן. אממערסטון ליולקעס. עלסי און גרין זעצן זיך אויף מיקולינ'ס בעטל, ריידן צווישן זיך.)

ב ל ע ק: איך האב אים ניט ליב, אייער וואבלי.

מ י ק ו ל י ן: איך פארזיכער דיך, ער איז דער טרייסטער ברודער־פריינט וועלכן דו פארמאגסט אין די פאראייניקטע שטאטן.

ב ל ע ק: ס'איז די גרעסטע נארשיקייט וועלכע כ'האב ווען ס'איז פון דיר געהערט.

מ ע ק פ א ד ן: וואבלי איז אונזערער, א קוילן־גרעבער, א פירער, וועלכער וועט אונז צו די באלעבאטים ניט פארקויפן.

פ א ל (הייס): מיט אים אפילו אין פייער!

ר א ז י ט א (גיט א שטורך דעם מאן): וואס שווייגסטו? זאג עפעס וועגן וואבלי!

ר א ד ר י ג ע ץ (צומישט): וואבלי איז אללרייט: ער וועט אונז ניט פארקויפן!

מ י ק ו ל י ן: הע! עפעס בין איך היינט אויפגעלייגט. מען דארף זען וואס מיין גארמאשקע מאכט.

ש ט י מ ע ן: דאָס איז גוט! שפּיל עפּעס! עפּעס פריילאַכס! עס זאָל געבן אַ הויב!

(מיקולין גיט אַ ממזר'שן וואונק מיט'ן אויג, שלעפּט אַרויס פון אונטער זיין בעטל אַ קעסטל, נעמט אַרויס אַ גאַרמאָניע, פּרואווט זי. זעצט זיך צום טיש. וואַבלי קומט אַריין.)

ו ו אַ ב ל י (פריילאַך): גוט אָוונט. כאַווירים!

ש ט י מ ע ן: העללאָ! העללאָ! ווי פילסטו, ברודער? אין צייט געקומען!

ו ו אַ ב ל י: אַ דאַנק, איך בין אָללרייט! (דורכגייענדיק דעם צימער גיט ער איינעם אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע, דעם צווייטן אַ שמיר מיט דער האַנט איבער די האָר. זאָגט צו מיקולינ'ען): נו, ברודער, שים!
(פאַררויכערט די פּיפּקע, קוקט זיך איין אַ ווייַלע אין עלסי'ן מיט גרינ'ען, זיפצט אָפּ. זעצט זיך אויף מעקפאַדנ'ס בעטל.)

(עס רייסט זיך אַריין דער קליינער מייק. מיט איין האַנט ציט ער פאַר'ן רעקל דעם פאָטער, וועלכער פירט דאָס ווייב אונטער'ן אָרעם. מיט דער צווייטער שלעפּט ער דאָס ווייסע הינטל אויף אַ שטריקל. סטיווענס באַגריסט די דזאַשנסאָנס. דער שוואַרצער ווייזט הילפלאָז אויף מייק'ן. סטיווענס באַרואיקט אים, ווייזט זיי אַ פּלאַץ וואו זיך אַוועקצוזעצן. באַלד לויפט אַריין פּיט מיט'ן שוואַרצן הינטל אויף די הענט. ביידע פריינט דערפרייען זיך, נעמען פאַרגלייכן און באַטאַפּן זייערע הינטלאַך.)

מ י ק ו ל י ן (אויף רוסיש): ראַז, דוואַ טרי, טשאָרט פּאָדערי! דערזשים, בראַט! (שפּילט אַ קאַמאַרינסקי. אַלע לעבן אויף. הויבן אָן צוקלאַפּן מיט די הענט, צוטאָפּטשען מיט די פיס. מיקולין שטעלט זיך אויף. שרייט): עי, קאָזלינסקי. דו הינטישער זון, וואָס שטייסטו ווי אַ סלופּ? דו קענסט אונזער קאַמאַרינסקי. פאַנג אָן! (טאַנצט צו שפּילנדיק.)

ש ט י מ ע ן: קאָם־אָן, דו פאַרשאָלטענער פּאָליאַק! ריר זיך! די נאַכט גייט אַוועק (מען רוקט שנעל אָפּ דעם טיש. דער עולם שטופּט אַרויס קאָזלינסקי'ן אין רינג אַריין. פאָדערן ער זאָל טאַנצן. ער קווינקלט זיך אַ ווייַלע, רייסט מיט אַמאָל אַראָפּ פון זיך דאָס מיינער־היטל, גיט עס אַ שלײדער אויף דער ערד און פאַנגט אָן צו טאַנצן. דער עולם העלפט אַרויס.)

(די 1טע און 2טע פרוי קומען אַריין, גייען גלייך צו ריטאַ'ן, ריידן

וועגן עפּעס מיט איר. נאָך זיי קומען אַריין נאָך אַ פּאָר קוילן־גרעבער מיט די פרויען.)

מיקולין (הערט אויף צו שפּילן. אַלע אַפּלאָדירן): גענוג מיט דער קאַמאַרינסקי. ראָזיטאַ, גיב אונז עפּעס אַ שפּאַנישן טאַנץ. נאָר אַזעלכן, עס זאָל אַ ברי טאָן, ווי מיט פייער. (שפּילט אַ שפּאַנישן טאַנץ) נו, פאַנג אָן!

שטימען: טאַנץ, ראָזיטאַ! שעם זיך ניט! מיר ווייסן, דו קענסט!

(ראָזיטאַ קווינקלט זיך אַ ווײַלע. גיט איבער דאָס קינד ריטאַ'ן, גיט אַ וואונק צום מאַן ער זאָל איר נאָכקומען און פאַנגט אָן צו טאַנצן. ראָדריגעץ קומט איר גיך אַנטקעגן. ווען זיי ענדיקן — ברעכט אויס אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן. אַלע ריידן זיך איבער צופרידענע.)

וואַבלי (אַפּלאָדירט): פּראַכטפול, ראָזיטאַ!

מיקולין (פאַנגט אָן זינגען און שפּילן: „עך טי נאָטשענקאַ“, רייסט אָפּ אין מיטן): עך, וואָס פאַרשטייט איר אין אַזעלכע לידער! איצט וועל איך שפּילן אַ „טו־סטעפּ“. (שפּילט, שרייט) דזשענטלמען, נעמט די ליידיס און טאַנצט! שנעלער! די נאַכט גייט אַוועק! (עלסי און גרין פאַנגען אָן די ערשטע. נאָך זיי קומען אַנדערע פּאָרלאַך. דזשאַנסאָן טאַנצט מיט אַ ווייסער און מאַרטאַ'ן שלעפּט קאָזלינסקי. געלעכטער.)

מעקפאַדן (כאַפּט אַרום ריטאַ'ן): קום, אַלטע, מיט מיר!

ריטאַ (שטויסט אים אָפּ): כ'בין ניט קיין פלעשל שנאַפּס. כאַפּ זיך ניט צו אַזוי!

1טע פרוי (צו ריטאַ'ן): זיי ניט אַזוי שלעכט צו אים!

2טע פרוי: קום, איירישער, מיט מיר. וואָס דאַרפסטו זי בעטן?

(ער גיט זי אַ כאַפּ. ביידע טאַנצן. אַ פּאַוזע.)

מיקולין (הערט אויף צו שפּילן. גיט אַ קוק אויפ'ן זייגער): גענוג, שוין צייט צו גיין שלאָפן. מאָרגן פרי צו דער אַרבעט. וואַרט, שבת וועלן מיר אַ הוליע טאָן. (באַהאַלט די גאַרמאָניע צוריק אין קעסטל.)

(דער עולם צעפאַלט זיך אין גרופּן. ריידן צווישן זיך, לאַכן. די

פרעמדע געזעגענען זיך און גייען אַרויס.)

וואַבלי (פירט אַפּ סטיוועָנס'ן אַן אַ זייט. רעדט שטיל): כ'האָב זיך היינט געזען מיט די פאָרשטייער פון די אַרומיקע אַכט שאַכטן. זיי זיינען כמעט אינגאַנצן אָרגאַניזירט. צו די איבעריקע קען מען דערוויילֿ נאָך ניט צוקומען: אונזערע אייגענע יוניאָן־פירער קריגן באַצאָלט פון דער קאָמפּאַניע און לאָזן אונז גאַרניט טאָן.

(גרין קומט צו נעענטער. ווייל כאַפּן וועגן וואָס זיי ריידן.)

סטיווענס: ווער ווייסט עס ניט? לעצטנס זיינען אויך דאָ, צווישן אונז, דערשינען אַ פּאָר „סטול־פּידזשענס". אונזער יעדעס וואָרט ווערט גלייך איבערגעגעבן דזשעקסאָנ'ען! (שטילער) כ'האָב היינטיקן זונטיק אַ פאַרזאַמלונג מיט די אַרבעטער פון דער „קאָלאָמביע" שאַכט.

וואַבלי: איך וועל גיין מיט דיר.

סטיווענס: אויסגעצייכנט!

וואַבלי: אַ גוטע נאַכט! כ'דאַרף זיך נאָך היינט מיט וועמען טרעפן. (וואַרפט אַ בליק צו עלסי'ן, וועלכע שטייט שוין ווידער מיט גרינ'ען צוזאַמען. זאָגט מיט אַ געמאַכטער רוהיקייט): ווי איך זע, האַלט עס שוין ביי זיי אויף אַ לאַד!

סטיווענס (פירט איבער דעם בליק אויף דער טאָכטער. דערנאָך צוריק אויף וואַבלי'ן): עס ווייזט אויס אַזוי. פאַרוואָס האָסטו עס אויף אַזוי לאַנג אָפּגעלייגט? דאָס לעבן וואַרט ניט. עס איז ווי די „בעלט" אין פאָרד"ס פאַבריקן: טוסטו ניט אָפּ צו דער רגע וואָס ס'איז נויטיק — איז פאַרפאַלן.

וואַבלי (דערשטיקט דעם זיפץ אין זיך): קיין צייט ניט געווען, ביל. אונזער באַוועגונג איז אויך ווי די „בעלט". דער שונא וואַכט איבער דיר מיט טויזנטער גרויזאַמע אויגן, און אַלץ מוז אָפּגעטאָן ווערן אין צייט.

סטיווענס (וואַרפט אַ בליק אויף עלס'ן מיט גרינ'ען, זיפצט שווער אָפּ): עס טוט מיר זייער וויי, וואַבלי. זי איז נאָך אַ קינד, ערשט 17 יאָר אַלט. אפשר וואָלט איך...?

וואַבלי (כאַפּט אים אָן פאַר'ן אַקסל): קיין איינציק וואָרט ניט.

ביל! זאל עס גיין ווי ס'איז. גרין איז א וואוילער בחור און האט די זעלבע רעכט אויף איר ווי איך. ס'איז מעגלאך מיין שולד: קיין צייט ניט געווען, און אפשר אויך... קיין מוט ניט!

סטיווענס: מוט געפעלט ביי דיר, וואס ווייסט פון קיין שרעק ניט?

וואבלי: עס ווייזט אויס אזוי. נו, גענוג! א גוטע נאכט! (צו אלעמען) א גוטע נאכט, חברים!

אלע: א גוטע נאכט! א גוטע נאכט, וואבלי!

וואבלי (פארהאלט זיך פאר עלסי'ן): א גוטע נאכט, מיידל! ווי פילסטו? (סטיווענס פאלגט אים נאך מיט'ן בליק.)

עלסי (גייט צו צו אים א דערפרייטע): א דאנק! פארוואס זעט מען דיך אזוי זעלטן?

וואבלי (גלעט איר די האנט): קיין צייט ניטא. ווייסט דאך ווי ס'איז. א גאנצן טאג אין שאכט און אין די אוונטן — איבער־גענוג ארבעט.

גרין (צו עלסי'ן): וואבלי ארבעט זייער שווער ארגאניזירנדיק די ארומיקע קוילן־גריבער.

עלסי (גיט א גלעט וואבלי'ן איבער דער באק): ס'איז גוט צו דיינקען, אז דו און פא זיינט די בעסטע צווישן אונז.

וואבלי (אויפגערודערט): א גוטע נאכט!

עלסי (פארהאלט זיין האנט): א גוטע נאכט! קום אריין אפטער! (ער גייט שנעל ארויס. זי זאגט צו דער מוטער): מא, כ'וועל זיך אביסל דורכגיין מיט גרינ'ען!

ריטא: גוט, אבער קום גלייך צוריק. דארפסט מארגן גיין צו דער ארבעט.

גרין: ניט מער ווי א האלבע שעה.

עלסי (לאכט): באלד זיין צוריק, מוטער. (ביידע גייען ארויס).

פאל (צו מיקולינ'ען): איך מוז זיך אויסלערנען שפילן אויף א גארמאניע: ווען דו פאנגסט אן שפילן — ברויזט מיין בלוט אינגאנצן אויף.

מ י ק ו ל י ן (טוט זיך אויס): ס'איז ניט שווער. ווערסט זיכער קענען.

ב א ר ט ע ל ל אַ: אין דער היים, אין נעאפאָל, האָב איך געשפּילט אויף אַ מאַנדאָלע, און גוט געשפּילט. כ'קען לעזן נאָטן פונקט ווי דו. מיקולין, אַ צייטונג.

ס ט י ו ו ע נ ס (נעמט אַרום פּאָל'ן): קום, זון, שלאָפן. מאָרגן — אַ שווערער טאָג אַרבעט. (צו אַלעמען) אַ גוטע נאַכט!

א ל ע: אַ גוטע נאַכט!

(זיי גייען אַרויף אין שלאָפצימער. ריטאַ נאָך זיי. די קוואַרטיראַנטן נעמען זיך אויסטאָן.)

מ ע ק פ א ד ן (ווי צו זיך): היינטיקע וואָך אינגאַנצן ניט געאַרבעט. אויף דער קומענדיקער האָט מען מיר צוגעזאָגט צוויי טעג. ניט האָבן אפילו גענוג פאַר מיין עסן און קוואַרטיר צו באַצאָלן.

(בלעק, וועלכער איז די גאַנצע צייט פון'ם שפּילן געלעגן ביי זיך אויפ'ן בעטל, זעצט זיך אויף, נעמט זיך אויסטאָן.)

מ י ק ו ל י ן (שפּאָטיש צו בלעק'ן): דיר ניט אָנגעשטאַנען מיט אונז צו פאַרברענגען... הע?!

ב ל ע ק (שפּרינגט אויף אַ בייזער): ס'איז ניט דיין זאַך! שטופּ ניט אומעטום דיין חזיר'שן פּיסק!

מ י ק ו ל י ן (קוקט זיך איין אין בלעק'ן): ביסט משוגע!

ב ל ע ק: גאָד־דעמיט! אויב ס'איז דיר ווייניק, וועל איך דיר...

(לאָזט זיך מיט אויפגעהויבענע פויסטן אויף מיקולינ'ען, וועלכער הויבט זיך אויף און קוקט אים גלייך אין די אויגן, זיך ניט רירנדיק פון אָרט.)

מ ע ק פ א ד ן: בלעק, דו משוגענער פּאַטריאָט, גיי שלאָפן!

ב א ר ט ע ל ל אַ (שפּרינגט אויף, גייט האַסטיק צו צו בלעק'ן, ציטערט פון אויפרעגונג): דו ביסט אַ קוילן־גרעבער, בלעק, אַ קוילן־גרעבער גלייך מיט מיקולינ'ען. איך זאָג דיר אָבער פריער, אויב דו גיסט אים אַ קלאַפּ, וועל איך דיך... (קוקט אים ווילד אין פּנים אַריין. אַ פּויזע. בלעק גייט צו זיין בעטל, פאַררויכערט. טוט זיך אויס, לעגט זיך. מיקולין און באַרטעללאַ טוען דאָס זעלבע.)

מעקפּאַדן (דרייט איין אַביסל דעם לאָמפּ): ניכטערערהייד זיך שלאָגן — איז די גרעסטע נאַרישקייט. (לייגט זיך) אַט, אַז מען כאַפּט אַריין אַ גלעזעלע... איז גאַר עפּעס אַנדערש. די קלעפּ האָבן גאָר אַן אַנדער טעם! (אַ פּאַוזע).

באַרטעללאַ (זעצט זיך אויף): דו שלאָפסט, מיקולין?

מיקולין: ניין. וואָס איז?

באַרטעללאַ (שפּרינגט אַראָפּ פון געלעגער, גייט איבער דעם צימער, זעצט זיך אויף מיקולינ'ס בעטל): כ'קען ניט שלאָפן, מיקולין. ס'איז שלעכט. מיינע געדאַנקען מישן זיך. כ'בעט דיך, דערצייל מיר עפּעס וועגן דיין לאַנד, וועגן דיין לענינאַ. דו דערציילסט וועגן אים אַזעלכע גוטע זאַכן. דערצייל...

מיקולין: ס'איז שוין שפּעט. דערצו, ברודער: וועגן לענינ'ען דאַרף מען ריידן בייטאָג, ווען צען זונען שיינען.

באַרטעללאַ: ווייסט, איך האָב דאָ פריער געטראַכט, אַז ווען דיין לענינאַ געפינט זיך דאָ, אין אַמעריקע, וואָלט אונז אַלעמען לייכטער געווען צו לעבן. ער וואָלט מיר אַפילו געהאָלפן ברייננגען אַהער מיין פרוי מיט'ן קינד. ניט אמת?

מיקולין (זעצט זיך אויף): זיכער. וואָס פאַר אַ פראַגע? ווען לענין לעבט און האָט אַ ביסעלע מאַכט דאָ אין לאַנד, וואָלט אַלץ גאָר אַנדערש געווען. מען וואָלט ניט געשניטן אונזער געהאַלט יעדע פיר מאָנאַטן. מיר וואָלטן ניט געהונגערט, ניט געגאַנגען באָרוועס און נאַקעט און די „געלע הינט" וואָלטן אונז ניט געוואַגט צו באַליידיקן. לענין, ברודערל מיינער, האָט גוט אַכטונג געגעבן, אַז זיינע אַרבעטער זאָלן לעבן ווי מענטשן. און וועגן דיר, בין איך זיכער, וואָלט ער אַ באַפעל געטאָן דער שנעלסטער שיף צו ברענגען דיין ווייב און קינד אַהער. פאַר דיר אַליין וואָלט ער אויסגעזוכט עפּעס אַ גוטע אַרבעט און... לעבט זיך גליקלאַך. ווען מען אַרט עס? מיט צוויי מענטשן ווייניקער אומגליקלאַך אויף דער וועלט. און איך דענק, כ'וויים ניט צו די צייט וואָלט עס אים דערלויבט, נאָר כ'בין זיכער, לענין וואָלט אַליין אַפילו אַראָפּגעפאָרן צו דער שיף צוזען, מען זאָל דיין ווייב און קינד

אַראָפּלאָזן אַזן שום שווערקייטן. אָט אַזאַ איז אונזער לעניוז געוועזן! (זיפֿצט).

באַרטעלאַ (דורך טרערן): אַך, ווי איך בענק! ווען דו ווייסט! גאַנצע נעכט שלאָף איך ניט. געפֿאָרן אַהער... געמיינט אין איין יאָר וועל איך זיי קענען איבערנעמען... צוליב מיין אַנדזשעליגען און דעם קינד וואָלט איך גאַנצע טעג און נעכט ניט מיד געוואָרן שווער צו אַרבעטן. כ'וואָלט מיינע אָדערן פֿאַר זיי געעפֿנט... שוין דריי יאָר, אַז כ'בין דאָ. דריי יאָר און... גאָרניט..

מיקולין: נאָר ניט פֿאַרלאָרן קיין מוט. וועסטו זיי מיט אַ יאָר שפּעטער אַהער ברענגען.

באַרטעלאַ: וואָלט איך געוואוסט, אַז אַ יאָר... (אַ פּאַוזע) כ'וויל דיך עפּעס בעטן: שיינק מיר לעניוז'ס בילד. האָסט דאָך צוויי.

מיקולין: צו וואָס דאַרפֿסטו עס?

באַרטעלאַ: איך וועל עס אויפֿהענגען איבער מיין בעטל, ווי דו, און... ס'וועט לייכטער זיין צו וואַרטן.

מיקולין (נאָך אַ קורצער פּאַוזע): גוט. נעם אָט דאָס בילד, וואָס כ'האָב היינט געבראַכט. נעם עס צוזאַמען מיט די שפּילקעס.

באַרטעלאַ (נעמט פֿאַרזיכטיק אַראָפּ דאָס בילד פֿון דער וואַנט, טראָגט עס איבער און באַפֿעסטיקט עס איבער זיין בעטל. זיפֿצט לייכט אָפּ. לייגט זיך. זאָגט שטיל): אַ גוטע נאַכט, ברודער. איך דאַנק דיר!

מיקולין: אַ גוטע נאַכט!

(אַ פּאַוזע).

פֿאַרהאַנג

צווייטער אקט

צווייטע בילד

צימער נומער 8 אין „נאַציאָנאַלן" קוילן־גרוב. אַ שמאָלער אַריינגאַנג אין דער מיטלסטער וואַנט פונ׳ם הויפּט־קאָרידאָר. די ווענט פינקלען מיט קוילן־שוואַרצקייט. אַ ריי דעמבבענע סלופּעס האַלטן אונטער דעם באַלקן צוויי שמאָלע רעלסן לויפן פונ׳ם קאָרידאָר אין דער לענג פונ׳ם „צימער". אויף די רלסן אַ קוילן־וועגעלע. צו דער וואַנט שטייען צוגעשפּאַרט רידלען, העק, און בויער־אייזנס. פון דעם באַלקן, איבער דער טיר, קאַפּעט וואַסער.

5 אַזייגער פאַרטאָג. אין גראָבן איז שטאָק פינצטער. אַ פּאַוזע. עס הערט זיך אַ שטילער געלעכטער.

גייסט פון קוילן: עס איז צו פינצטער. איך שלאָף שוין לאַנג ניט. זאָלן אַלע באַשעפעניש און בוימער. פון וועמענס קער־פּערס מיינע קוילן זיינען צוזאַמענגעפּרעסט געוואָרן, זאָלן זיי עפענען זייערע אויגן און באַלייכטן זייער הערשער — דעם קעניג פון קוילן. (צענדליקע אויגן פון פאַרשידענע גרויסן צינדן זיך איינציקווייז אָן אין די ווענט. זייער פאַרב, אַממערסטן בלוי, גרין, געל. אין איינציקע פלעצער — רויט. דער צימער פילט זיך אָן מיט אַ שוואַכער ליכט. גייסט פון קוילן זיצט אויפ׳ן קוילן־וועגעלע. קוקט זיך אַרום.) אַט אַזוי איז בעסער. וואו ביסטו, שוועסטער, הערשערין איבער די שטילע וואַסערן? און דו, גייסט פון קוילן־גאַז? און וואו געפינט זיך אונזער אַלעמענס מחותן — דער טויט? (הויבט זיך אויף) קומט אַרויס! וואו זיינט איר אַלע?

(פון איבער דער טיר גיט זיך אַ גאָס אַ שטראָם וואַסער. גייסט פון וואַסער דערשיינט.)

גייסט פון וואַסער: איך ליג שוין לאַנג, ברודער, און וואַרט אויף דיין רוף. אַט דאָ, איבער דער טיר, האָב איך אָנגעזאַמלט אַ גאַנצע אָזערע און וועל אין אַ פּאָר שעה אַרום אַראָפּדריקן דעם

באַלקן וואָס איבער דער טיר און פאַרפלייצן דעם צימער נומער 8 מיט וואַסער. שוין לאַנג זיך קיין שפּיל ניט געטאָן מיט אונזערע קוילן־גרעבער. (ביידע לאַכן).

גייסט פון גאַז (לאַכט מיט פונ׳ם רעכטן ווינקל): שוין לאַנג, צוויי זומערן שוין פאַריבער זינט כ׳האָב זיך דאָ דעם לעצטן מאָל צעשפּרייט און פאַרכאַפּט מיט מיין אָטעם אַ האַלבן גראָבן. 40 אַר־בעטער האָט מען שפּעטער פון דאַנען אַרויסגעטראָגן. פּערציק. זייער פיין געוועזן. (לאַכט) איז מען אָבער פאָרזיכטיק געוואָרן, איינ־געפירט אַ נייע ווענטילאַציע און זי רייסט פון מיר שטיקער, לאָזט זיך מיר ניט צוזאַמענקלייבן אויף איין אָרט. אַלע פרימאָרגן קומט דער פייערמאַן און געפינט מיך גלייך אוים מיט זיין פאַרשאָלטענעם לאָמפּ. פון אים קען איך זיך שוין גאָרניט אויסבאַהאַלטן.

גייסט פון וואַסער: מיט זעקס וואָכן צוריק האָב איך אין דעם שכנ׳ישן גראָבן 5 פאַרגאָסן און דערטרונקען. און היינט (לאַכט) וועל איך אָט דעם „צימער“ נומער 8 פאַרפלייצן. כ׳וועל נאָך צו וואַרטן אַ פּאָר שעה, אָנזאַמלען אַביסל מער וואַסער.

גייסט פון גאַז: גוט, זייער גוט! דו וועסט פאַרגיסן דעם „צימער“ און זיך הויבן פון אונטן און איך וועל זיך אָנזאַמלען אויפ׳ן באַלקן און ביסלאַכווייז זיך אַרונטערלאָזן. און זיי, די קוילן־גרעבער, וועלן זיך מאַטערן צווישן אונז ביידן... (לאַכט).

טויט (יאָגט זיך אַריין פונ׳ם קאָרידאָר): פאַרשפּעטיקט, אָבער ניט אויף קיין סך. שטענדיק פאַרנומען. כ׳האָב שטענדיק מער אַרבעט וויפיל אַפילו אַ טויט קען אָפּטאָן.

גייסט פון קוילן: דו ביסט דער שנעלסטער פון אונז אַלעמען.

טויט: איך בין באַשעפטיקט בלויז דאָ. די קוילן־גרעבער מוזן האָבן אַן אייגענעם מלאך־המות. מיין עלטערער ברודער אַרבעט אויף דער ערד און איז נאָך שנעלער. ער אַרבעט בשותפות מיט׳ן לעבן. דאָס לעבן טרייבט די מענטשן מיט העל־פאַרביקע, צוזאָג־ביטשן דורך די רייען טעג, און ביים לעצטן פון זיי וואַרט מיין ברודער מיט

זיין לאנגער שווארצער בייטש און טויטעט זיי בלויז מיט זיין שפאַטישן געלעכטער. (לאַכט. אַלע לאַכן מיט.)

גייסט פון גאַז: און דאָך מעכטיק איז דער מענטש. מעכטיק און קלוג.

גייסט פון קוילן: יעדעס מאָל טראַכט ער אויס נייע מאַשינען מיין אינגעווייד בעסער צו שניידן.

גייסט פון וואַסער: ער ציט מיך דורך רערן ארויס פון דאַנען געגן מיין ווילן

טויט (לאַכט): און איך לאַך פון אים! אַלע זיינע קלוגע אויפ־טואונגען זיינען בלויז אַ נאַרעריי, אַ שפּילצייג זיך צו פארטומלען, ניט צו טראַכטן פון יענעם מאָמענט, ווען איך וועל קומען און מיט מיין ליידיקן מויל אים אין פּנים אַריינלאַכן: „קום! פארשווינד!“ און ער מוז אַלץ איבערלאָזן, און.. איך צערייב אים אין שטויב.. (לאַכט. אַלע לאַכן מיט.)

גייסט פון וואַסער (צום טויט): דו גיי ניט אַוועק פון דאַנען: ווּעסט באַלד געגנוג ארבעט האָבן.

גייסט פון קוילן (צום גייסט פון וואַסער): ווען דיינע וואַסערן וועלן זיך אָנזאַמלען, וועל איך די וואַנט איבער'ן אריינגאַנג אַראָפּדריקן.

גייסט פון וואַסער: און איך וועל דעם גראָבן פאַרפלייצן!

טויט: און איך וועל מיט בייטשן פון שרעק ארויסטרייבן די איבע־ריקע ארבעטער פונ'ם גראָבן!

גייסט פון גאַז: און איך וועל צופאַלן מיט מיינע געלע ליפּן צו זייערע אָטעמס!

(אַלע באַוועגן זיך אין אַ לאַנגזאַמען טאַנץ אַרום דעם קוילן־וועגעלע. טאַנצן און וואַרפן זילבן.)

טויט: טרייבט איין מענטש דעם צווייטן...

גייסט פון קוילן: קוילן אין מיין שווארצן איינגעווייד צו זוכן...

גייסט פון וואַסער: גאָלד און זילבער אין די הייזער צו זיך שלעפּן...

ג י י ס ט פ ו ן ג אַ ז: און געפינט דעם טויט אין מיינע אָרעמס...
ט ו י ט: הערשט דער געלער טייוול אויף דער ערד...
ג י י ס ט פ ו ן ק ו י ל ן: און פאַרניכטעט און פאַרשוועכט...
ג י י ס ט פ ו ן וו אַ ס ע ר: דעם מענטשנ'ס קורצעם לעבן...
ג י י ס ט פ ו ן ג אַ ז: זיין בלייבע פרייד...
ט ו י ט: טאַנצן מיר איצט אונזער טויטן טאַנץ...
ג י י ס ט פ ו ן ק ו י ל ן: פאַר די לאַנג געפאַלענע...
ג י י ס ט פ ו ן וו אַ ס ע ר: און פאַר די וואָס וועלן פאַלן...
ג י י ס ט פ ו ן ג אַ ז: היינט... היינט... היינט... ש־ש־ש...
(בלייבן מיט אַמאָל שטיין, הערן זיך איין.)

ג י י ס ט פ ו ן ג אַ ז: דער פייערמאַן קומט!
ג י י ס ט פ ו ן ק ו י ל ן: זען צי עס לויערט קיין געפאַר אַרום.
ג י י ס ט פ ו ן וו אַ ס ע ר: ער זאָל מיך כאַטש ניט באַמערקן!
ג י י ס ט פ ו ן ג אַ ז: און ניט צושטערן אונזער שמחה!
ט ו י ט: ער וועט ניט צושטערן: זיין זשעדנעקייט וועט אים, ווי שטענדיק, פאַרראַטן!

(די גייסטער זעצן פאַר דעם טאַנץ. די ליכט לעשט זיך אויס. די אויגן אין די ווענט מאַכן זיך ביסלאַכוויים צו. עס ווערט שטאָק פינצטער. אַ קליינע פּאַוזע. דער קאָרידאָר ווערט שוואַך באַליכטן פון אַן עלעקטרישן לעמפּל. עס הערט זיך אַ מענטשלאַכער פייפן. דער פייערמאַן קומט אָן מיט אַ „פאַרזיכערונגס־לאָמפּ" אין די הענט. בלייבט שטיין ביים אַריינגאַנג, קוקט זיך אַרום, גייט אַריין אין „צימער", באַטראַכט די ווענט, שטעלט זיך לענגער אָפּ ביים באַלקן, פון וואַנען עס קאַפּעט די וואַסער. באַטאַפּט די ווענט. דערנאָך הויבט ער אויף דעם לאָמפּ צום באַלקן און פּרואווט צי ס'איז ניט פאַראַן קיין גאַז. באַטראַכט ווידער אַמאָל דעם נאַסן באַלקן. שאָקלט צווייפלענד מיט'ן קאָפּ. גייט אַרויס. אַ פּאַוזע. עס הערן זיך ווייטע שטימען. עס גייען פאַרביי קוילן־גרעבער, מיט ברענענדיקע לעמפּלאַך אויף די היטלען, ריידנדיק צווישן זיך. עס לויפן פאַרביי אַראָפּ און אַרויף עטלאַכע קוילן־וועגעלאַך. מיט העק און רידלען קומען אין „צימער" נומער 8 אַריין מיקולין, באַרטעללאָ, און סטיווענס — דער לעצטער. די ערשטע צוויי רוקן איבער דאָס וועגעלע, מאַכן אַלץ פאַרטיק צו דער אַרבעט. סטיווענס באַטראַכט אומצופרידן דעם באַלקן אַרום די פאַלנדיקע טראָפּנס.)

מיקולין (דרייט אוים דעם קאָפּ צו סטיווענר'ן): וואָס איז דאָרטן?

סטיווענס: קום אהער. אָט דער באַלקן געפעלט מיר גאָרניט.
(מיקולין און באַרטעללאָ גייען צו, באַטראַכטן דעם באַלקן.)

מיקולין: דער פייערמאַן איז דאָ ניט לאַנג צוריק געווען.

באַרטעללאָ: עס קען אמאָל אַזוי יאָרן קאַפּען און ס'זאָל קיין זאַך ניט געשען.

סטיווענס: און עס איז ווי צו יענע, וועלכע געפינען זיך אין אַ גראָבן, ווען עס געשעט שוין.

מיקולין: מיר'ן אַרבעטן ביז מיטאָג, דערנאָך מעלדן וועגן דעם. גוט?

באַרטעללאָ: זיי וועלן אונז אַזוי גיך קיין נייעם פּלאַץ ניט געבן. וואָס גייט עס זיין אַז? מיר וועלן בלויז פאַרלירן אַ האַלבן טאָג.

סטיווענס: בעסער אַ גאַנצן טאָג צו פאַרלירן איידער אַ האַלבן קאָפּ.

מיקולין: אויב דו דענקסט, ס'איז אַזוי געפערלאַך — וועלן מיר אינגאַנצן ניט אָנפאַנגען.

סטיווענס: גוט... וועלן מיר אַרבעטן ביז מיטאָג. מעגלאַך, אַז אויבן האָט זיך אָנגעקליבן אַ גאַנצער ים מיט וואַסער. (אַלע נעמען די רידלען אין די הענט) מיר'ן היינט גראָבן פון דער צווייטער זייט, וואָס ווייטער פון דער פייכטער וואַנט. (אַרבעטן. אַ פּאַוזע.)

מיקולין (זינגט „אוכניעם". הערט אויף צו אַרבעטן): איר ווייסט, ס'איז אַפילו מאָדנע אַ טראַכט צו טאָן. אַז 800 פוס איבער אונזערע קעפּ איז פאַראַן אַ בלויער הימל, אַ זון, פרישע לופט...

באַרטעללאָ: ווי שוואַרצע ווערים זיינען מיר.

סטיווענס: און נאָך מער מאָדנע איז, וואָס מיט אונזער שווערער, געפערלאַכער אַרבעט קענען מיר ניט פאַרזאָרגן אונזערע ווייבער און קינדער מיט אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער.

מיקולין: דערפאַר האָבן אַנדערע צופיל.

באַרטעללאַ: מיט אַ מעסער אין בויך דאַרף מען זיין!
סטיווענס: מען וועט צופיל מעסערס דאַרפן.
באַרטעללאַ: נישקאַשע. אַמעריקע איז אַ רייך לאַנד. פאַר־מאַגט זייער אַ סך פרייע הענט און שאַרפע מעסערס.
(אַרבעטן. אַ פּאַוזע.)
סטיווענס (הערט זיך איין): שטילער... (אַלע הערן זיך איין.)
מיקולין: וואָס איז?
סטיווענס: דאַכט זיך, אַז די טראַפּנס פאַלן געדיכטער.
(מיקולין און סטיווענס גייען צום פענצטער, קוקן זיך איין אין די פאַלנדע טראַפּנס. באַרטעללאַ פאָלגט זיי אומצופרידן נאָך פון דער ווייטנס.)
מיקולין: דאַכט זיך, אַז זיי פאַלן געדיכטער...
סטיווענס (באַטראַכט דעם באַלקן): זיכער... (גייט צוריק צו דער אַרבעט) קום, מיר'ן שוין דערציען ביז מיטאָג.
(אַלע אַרבעטן. אַ פּאַוזע.)
באַרטעללאַ: אַך, ווי גוט די זון וואַרימט ביי אונז אין נעאַפּאָל!... דער ים איז בלוי פונקט ווי דער הימל... די לופט איז ווייך... גאָר, גאָר ווייך, ווי... ווי מיין אַנדזשעליקע'ס האָר... אַרום וואַקסן מאַראַנצן בוימער, מאַסלינעס, און ווען...
סטיווענס (הערט זיך נאָך פון פריער צו. שרייט מיט אַמאָל אויס): שטיל! (די רידלען ווערן פאַרגליווערט אין דער לופטן, די קעפּ געווענדעט צום אַרויסגאַנג. עס הערט זיך אַ טעמפּער רויש, אַ שווערער קנאַל און דער באַלקן איבער'ן אַריינגאַנג פאַלט. עס גיט אַ גאָס אַ שטראָם וואַסער. סטיווענס שרייט): אַרויס! (אַלע וואַרפן זיך צום אַרויסגאַנג. ער איז שוין אָבער פאַרהאַקט.)
מיקולין (קלאַפּט מיט ביידע הענט אין דער וואַנט. שרייט ווילד): גאָט־דעמיט! פראַפּאַלי!
באַרטעללאַ (היסטעריש): ראַטעוועט! ראַטעוועט!
סטיווענס (וואַרפט זיך אין אַלע זייטן, זוכט. שרייט): זוכט. אפשר איז אַ שפּאַלט ערגעץ וואו פאַראַן! שנעל זוכט!
(אַלע זוכן אַרום די ווענט. די וואַסער שטראָמט.)
מיקולין: קיין דורכגאַנג. פאַרלעגט צום שוואַרצן יאָר!

באַרטעללאַ: ווי מייז אין אַ פּאַסטעקע!

סטיווענס (רייסט אַראָפּ פון זיך דאָס רעקל): שמאַטעס, די וואַסער אַפּצושטעלן. (מיקולין און באַרטעללאַ שלעפּן שנעל אַראָפּ פון זיך זייערע רעקלאַך, גיבן זיי אים איבער.) דאָס ווענגעלע אַהער! (זיי טוען אַלץ וואָס ער הייסט זיי.) מיקולין, העלף מיר! (ביידע שטעלן זיך אַרויף אויפ'ן ווענגעלע, באַמיען זיך צו פאַרשטעקן דאָס מויל פונ'ם וואַסער שטראָם.) באַרטעללאַ, האַק אויס טרעפּ ביז'ן באַלקן. (ענדלאַך געלינגט זיי צו פאַרשטאָפּן די לאָך און אַפּצושטעלן דעם וואַסער שטראָם.)

באַרטעללאַ (האַקט געשווינד די טרעפּ): איך שטיי שוין איבער די קני אין וואַסער.

סטיווענס: אַבי ניט איבער'ן קאָפּ! מיקולין, האַק אונטער דעם לעצטן סלופּ און ברענג אים אַהער! (מיקולין שפּרינגט אין וואַסער, האַקט אונטער דעם סלופּ, ברענגט אים. זיי שפּאַרן מיט אים אונטער די פאַרשטאָפּונג אין דער סטעליע.) אָט אַזוי. אַביסל רעכטס. גוט!

באַרטעללאַ: די טרעפּ זיינען פאַרטיק. איצט וואָס?

סטיווענס: זיך אָנקלייגן אויף די טרעפּ און וואַרטן.

מיקולין: אויף וואָס?

סטיווענס: אויף הילף. אָדער אפשר... דעם טויט. (אַ קליינע פּאַוזע) נעמט מיט זיך די העק. (אַלע קריכן אויף די טרעפּ, לייגן זיך אויס. אַ פּאַוזע.)

באַרטעללאַ (וויינט): הייליקע מוטער, העלף אונז! לאָז אונז ניט אומקומען. (אַ פּאַוזע)

מיקולין: סטיווענס, דיין פּייערל ווערט ביסלאַכווייז נעל.

באַרטעללאַ: דאָס איז גאַז! גאַז קומט אַן! מיר'ן גיך דער־שטיקט ווערן!

מיקולין: באַרטעללאַ, באַוויין אונז ניט: מיר לעבן נאָך! הער, סטיווענס, ווי דענקסטו איז אונזער לאַגע? דאַרפסט מיר ניט טרייסטן.

סטיווענס: אויב עס זאָל ניט צוקומען פון אונטן קיין וואַסער און פון אויבן קיין גאַז, קענען מיר אויסהאַלטן עטלאַכע

טעג. כ׳גלויב אונזערע קוילן־גרעבער וועלן אונז קומען צו הילף, גלייך ווי זייער איינענער שרעק וועט פאַריבער. אויב אָבער דער גאַנצער גראָבן איז פאַרפלייצט, אָדער איינגעפאַלן, זיינען מיר פאַרפאַלן.
(אַ פּאַוזע.)

ב א ר ט ע ל ל א (דורך טרערן): מיין אָרימע אַנדזשעליקאַ... מיין קינד...

מ י ק ו ל י ן: ווייסט, סטיווענס, איך פיל איצט קיין שרעק ניט. בלויז האַס. ווען איך זאָל איצט קענען אַ שפּיי טאָן דער גאַנצער וועלט אין פּנים אַריין, וואָלט איך עס געטאָן, כ׳זאָל אפילו דאַרפן מיין האַרץ דערביי אַרויסשפּייען!

ס ט י ו ו ע נ ס: שוין דאָס דריטע מאָל, אַז עס פאַרשיט מיך.

מ י ק ו ל י ן: מיר׳ן איצט האָפן, אַז עס וועט נאָך אַ פערטן מאָל אויך געשען.

ס ט י ו ו ע נ ס (נאָך אַ קליינער פּאַוזע): לאָמיר האָפן.

ב א ר ט ע ל ל א: הייליקע מוטער, באַשיץ מיין ווייב און קינד... (וויינט) באַשיץ זיי...

פ אָ ר ה א נ ג

צווייטער אקט

דריטע בילד

דער גרונט פונ׳ם „נאַציאָנאַלן" קוילן־גרוב אַרום דעם „שעפט" (עפענונג פון דער שאַכט) די הויב־מאַשין באַשטייט פון צוויי קאַסטנס, אָפּגעטיילטע מיט איין ווענטל צווישן זיך, און מיט צוויי ווענטלאַך פון ביידע זייטן: רעכטס און לינקס. ווען איין קאַסטן לאָזט זיך אַראָפּ, הויבט זיך דער צווייטער אויף. רעכטס און אין דער טיף לויפן צוויי קאָרידאָרן. צוויי פּאָר רעלסן ציען זיך פון זיי, שניידן זיך איבער פּאָר׳ן

„שעפט", לויפן דורך ביידע הויב־קאַסטנס און פאַרשווינדן אין דער טיף פון שאַכט. עטלאַכע עלעקטרישע לעמפּלאַך ברענען שוואַך און כמורנע. אין דער טיפקייט פינקלען פייערלאַך אויף די אַבעטנדיקע קוילן־גרעבערס היטלען.

אויף די רעלסן שטייען אַנגעלאָדענע וועגעלאַך מיט קוילן. פון ביידע זייטן, נעבן זיי — קאַזלינסקי און בלעק. האַרט נעבן דעם „שעפט" שטייט דזשאַבא מיט'ן גלאָק־שטריק אין האַנט. אַלע מינוט קומט אַרונטער אַ קאַסטן מיט אַ ליידיקן קוילן־וועגעלע. קאַזלינסקי אָדער בלעק שטופּן געשווינד אַריין אַהין אַן אָנגעלאָדן וועגעלע, אַרויסשטויסנדיק מיט'ן פולן וועגעלע דאָס ליידיקע, וועלכע ווערט, פון דער צווייטער זייט, אונטער־געכאַפּט פון מייק'ן אָדער פּיט'ן און אַפּגעשטויסן אין דער טיף. פון דאָרטן גייט עס אַליין אין איינעם פון די „צימערן", וואו עס ווערט ווידער אָנגעפילט מיט קוילן און קומט אָן פון רעכטס איבער די רעלסן.

יעדעס מאָל ווען דער קאַסטן דאַרף זיך אויפהויבן, גיט דזשאַבא צוויי קלינג. דער אינזשענער פון אויבן ענטפערט מיט צוויי קלינג און דער קאַסטן פליט אַרויף.

(אַ פּאַוזע. מען אַרבעט. מייק פאַנגט אָן אַ ניגער־לידל.)

קאַזלינסקי: שטיל, דו קליינער טייוול! מאַך ניט קיין טומל.

בלעק: אין קיין שאַכטן זינגט מען ניט.

מייק (לאַכט): פאַרוואָס שטיל? מען קען דאָך דאָ פון אומעט שטאַרבן.

פּיט: פּייפן מעג מען. דער פאַרוואַלטער פּייפט שטענדיק.

דזשאַבא (אַנגעכמורעט): מתים אין די קברים זינגען ניט.

מייק (לאַכט): איך בין ניט קיין מת... איך האָב ליב די שאַכטן: דאָ זיינען אַלע שוואַרץ. איכ'ל מאָרגן ברענגען מיט זיך אַ ליפּן־גאַרמאָניע.

פּיט: איך אויך!

קאַזלינסקי: דער פאַרוואַלטער וועט אייך ביידן אַרויס־וואַרפן פון דאַנען.

בלעק: אַ מאָדנע פאָלק די ניגערס: אַרבעטן ווי פערד און טאַנצן און זינגען ווי קליינע קינדער.

(עס הערן זיך פון אויבן דריי קלינג. צוזאַמען מיט'ן ליידיקן וועגעלע קומט אין קאַסטן אַרונטער אַן אַרבעטער מיט אַ קעסטל אויף

די פּליייצעס. גייט אָפּ רעכטס. פון אַנטקעגן אים לויפן אָן צוויי אַר־בעטער מיט בויער־אייזנס אויף די אַקסלען. גייען אַריין אין קאַסטן. דזשאַבאַ גיט דריי קלינג. מען ענטפערט אים מיט דריי קלינג. דאַן גיט ער איין קלינג און דער קאַסטן פליט אַרויף.)

קאַזלינסקי: מען רעדט שוין ווידער וועגן שניידן דעם גע־האַלט.

בלעק: איך גלויב ניט: זיי זיינען מענטשן און האָבן געוויסן.

דזשאַבאַ: געוויסן? (לאַכט שפּאָטיש): איך קען אים שוין גוט. ביסט נאָך יונג, בלעק, וועסט אים אָבער שפּעטער דערקענען. זיי וועלן שניידן אַזוי לאַנג, ביז מיר'ן זיי ניט דערלאַנגען איבער די הענט. און וואָס שטאַרקער, אַלץ מער געוויסן וועלן זיי אַרויס־ווייזן. אַ סטרייק איז דער איינציקער וועקער פון זייער געוויסן.

בלעק: אויב אַזוי וועלן מיר סטרייקן!

קאַזלינסקי: איך וויל ניט קיין סטרייק. מיר זיינען שטענ־דיק די פאַרלירער, אַפילו ווען מיר געווינען. גענוג געהונגערט. כ'האָב אַ ווייב מיט קינדער.

בלעק: אַלע האָבן ווייבער מיט קינדער. מיר'ן סטרייקן בלויז דאַן, ווען מען וועט אונז צווינגען דערצו.

מייק: איכ'ל אויך סטרייקן!

פּיט: איך אויך!

קאַזלינסקי: שווייגט, איר קליינע שנעק!

בלעק: ס'איז ניט אייער זאַך!

מייק: איך בין אויך אַ מיינער!

פּיט: איך אויך!

דזשאַבאַ: האַלט די צונג צווישן די ציין, איר קליינע טייר־וואַלים!

מייק: איך בין ניט קיין "סטול־פּידזשען"...

פּיט: איך אויך ניט!

קאַזלינסקי: און איך זאָג, אַז מען דאַרף קיין סטרייק ניט. וואַבלי טומלט צופיל. מען וועט אים אַרויסוואַרפן. זאָל ער סטרייקן; מיר'ן גיין צום פאַרוואַלטער בעטן.

דזשאבא: ער וועט זיך אויסלאכן פון אונז!
קאזלינסקי: ווען מיר ארבעטן פאר א קלענערן געהאלט...
בלעק: דאס איז אוממעגלאך!

(ארבעטן א ווײלע שטיל. פון ווײטנס הערט זיך א שווערער קראך און באלד נאך אים ווײטע געשרײען און א דערשראקן פינקלען פון פײערלאך. אלע קוקן זיך דערשראקן איבער.)

דזשאבא: אן אויפרײס! (ציט אין איילעניש דעם שטריק דריי מאל. אלע לויפן צו צום הויב־מאשין, קוקן מיט שרעק רעכטס, פון וואנען דער אויפרײס האט זיך דערטראגן. דזשאבא שרייט נערוועז) גאד־דעמיט! וואס קומט דער קאסטן ניט ארונטער? (קלינגט נאך עטלאכע מאל) גאד־דעמיט!

(פון אלע זייטן לויפן דערשראקענע קוילן־גרעבער, שטופנדיק זיך און פאלנדיק איינער איבער'ן צווייטן. הענט און קערפערס רייסן זיך פאראויס, צום הויב־מאשין, געשרייען און קללות פילן אן די לופט. א מיש־מאש פון צוזאמענגעפלאכטענע, פון שרעק אויסגעקרימטע מענטשלאכע קערפערס מיט פינקלענדיקע פייערלאך אויף זייערע היטלען. געשרייען: "ארויס! ארויס! ראטעוועט זיך! האלט דעם הויב־מאשין! ווארט! ווארט! לאזט מיך! לאזט! אוי, איר דערשטיקט מיך! לאזט אפ! אן אויפרײס! דער גראבן פאלט איין! א פאר־פלייצונג! די ווענט פאלן!..... ארום הויב־מאשין שטייען אלע צוזאמענגעגאסן אין איין ציטערנדיקן קערפער מיט די קעפ און הענט געצויגן אין ריכטונג צום הויב־מאשין.)

קאזלינסקי (שטויסט אפ דזשאבא'ן, רייסט ווילד דעם שטריק): גאד־דעמיט!

וואבלי (שפרינגט ארויף אויף א וועגעלע, שרייט): קוילן־גרעבער, גאד־דעמיט, וואס זיינט איר, מענטשן צי ווילדע חיות?! שטעלט זיך אפ! קלייבט צוזאמען אייער פארשטאנד! ניט קיין מענער זיינט איר, נאר אלטע באבעס! (עס ווערט שטילער. אלע קוקן זיך איבער. בארואיקן זיך אביסל. די מאסע קערפערס צעפאלט זיך.) וואס איז געשען? א וואנט איז ארונטערגעפאלן אדער אן אויפרײס. צי איז עס אייך דאס ערשטע מאל? צי זיינט איר „וואל־סטריט" מיליאנערן, סטענגע־פלעכטערס. וואס ציטערן אזוי פאר זייערע הינטיש־פעטע פעלן? שעמט זיך!

(אַלע שאָקלען מיט די קעפּ, עטוואָס באַרואיקטע. אייניקע שמייכלען קרום.)

שטימען: קיינער וויל ניט שטאַרבן! אַזאַ הינטישער לעבן! אַז עס רייסט אויף מוז מען זיך אָפּטראָגן וואָס שנעלער! דו ווייסט עס, וואַבלי! עס האָט גאָרניט אויסגעריסן! דער באַלקן איז ערגעץ וואו איינגעפאַלן!

וואַבלי: מיין לעבן איז פּונקט אַזוי טייער ביי מיר, ווי יעדן איינעמס ביי אייך. איך בין גלייך מיט אייך אַרוים פון די היילן. אָבער דעם קאָפּ פאַרלירן מיינט אַלץ פאַרלירן. זייט רואיק: ניטאָ קיין פייער קוקט זיך אַרום, ווער פון אונז פעלט? אפשר קען מען נאָך איצט יענע ראַטעווען?

(אַלע קוקן זיך איבער, פרעגן איינער דעם צווייטן.)

פאַל (שפּרינגט אַרויף אויפ'ן וועגעלע, נעבן וואַבלי'ן, קוקט זיך איין אין די אַרומיקע, שרייט): פאַ! וואו ביסטו, פאַ?

וואַבלי (קוקט זיך איין אין עולם, רופט): ביל סטיווענס!

שטימען: ביל! וואו איז ביל! ביל סטיווענס! (ריידן צווישן זיך.)

וואַבלי: וואו האָט ביל געאַרבעט און ווער איז מיט אים געווען?

בלעק: מיקולין און באַרטעללאַ! כ'האָב זיי פריער געזען פאַר־בייגיין צוזאַמען.

פאַל: וואו האָבן זיי געאַרבעט?

מייק (רייסט זיך פון צווישן דעם עולם): לאָזט מיך! אַנקל וואַבלי, אַנקל ביל איז אין צימער נומער אַכט!

פאַל (שרייט): פאָטער! (שפּרינגט פונ'ם וועגעלע, לויפט רעכטס.)

שטימען (מיט שרעק און אויפרעגונג): נומער אַכט! איינ־געפאַלן! פאַרפלייצט! געטויטעט! צודריקט געוואָרן! ביל סטיווענס! באַרטעללאַ! דערטרונקען! מיקולין!

וואַבלי: קוילן־גרעבער, אונזער בעסטער פירער ביל איז פאַרשאָטן אין „צימער" נומער 8. מיט אים צוזאַמען אַזעלכע גוטע חברים ווי מיקולין און באַרטעללאַ. מעגלאַך זיי זיינען שוין

טויט און מעגלאך מען קען זיי נאך ראטעווען. (דער הויב־מאשין לאזט זיך ארונטער. וואבלי וויזט אן אויף אים.) דער הויב־מאשין איז דא. זאלן יענע וואס האבן מורא ארויפגיין, די איבעריקע וועלן גיין מיט מיר!

בלעק: איך גיי מיט דיר, וואבלי!

שטימען: אלע. אלע גייען מיר! אונזער ביל! מיקולין!... בארטעללא! מיר'ן זיי ראטעווען! אלע גיין! אלע, אלע!...

(וואבלי שפרינגט פון וועגעלע, לויפט רעכטס. אלע נאך אים. קאז־לינסקי און ראדריגעץ בלייבן אליין שטיין.)

קאזלינסקי: איך האב א ווייב מיט זעקס קינדער. איך קען מיט מיין לעבן ניט ריזיקירן! קום, ראדריגעץ! עס זיינען דארטן פאראן גענוג אן אונז. (גייט צום הויב־מאשין. ראדריגעץ מאכט א פאר טריט נאך אים, בלייבט שטיין. מייק און פיט לויפן אן, כאפן צוויי רידלען אין די הענט. קוקן פארוואונדערט אן דזשאבא'ן און ראדריגעצ'ן.)

מייק: וואס, איר אנטלויפט? אנקל ביל איז דאך פארשאטן!...

פיט: זיי האבן מורא.

מייק (בייז): פייגלינגן! סטול־פידזשענס!

פיט: פייגלינגן! פייגלינגן! (ביידע אנטלויפן.)

ראדריגעץ: מייק, פיט! (לויפט זיי נאך) איך גיי מיט אייך! מייק!

קאזלינסקי (גיט דריי קלינג. קוקט זיך איין אין דער ריכטונג וואוהין אלע זיינען אנטלאפן. מען ענטפערט אים מיט דריי קלינג. ער גיט איין קלונג, גייט אריין אין קאסטן, פארמאכט דאס טירל. עס הערט זיך אן ענטפער קלונג און דער קאסטן הויבט זיך אויף. א פאוזע. עס הערן זיך צוויי קלינג. דער קאסטן קומט ארונטער. קאז־לינסקי לויפט ארויס, שטייט א ווײלע א ניט־אנטשלאסענער, כאפט א רידל פונ'ם דיל, לויפט מיט א קרעכץ רעכטס.)

פארהאנג

צווייטער אקט

פערטע בילד

„צימער" נומער 8. פינצטער. די קוילן־גרעבער זיצן און ליגן צוזאַמענגעדריקט אויף דער אויבערשטער טרעפּ. די לעמפּלאַך אויף זייערע היטלען ברענען שוואַך און מיט אַ געלבלאַכן שיין. אַ פּאַוזע. איינער נאָכ'ן צווייטן, דערנאָך צוזאַמען, קלינגט דער געלעכטער פון די גייסטער.

מיקולין: איך קען שווערן, אַז כ'האָב נאָר־וואָס געהערט אַ געלעכטער אַרום זיך. ס'איז דער גאַז.

באַרטעללאַ (ווייגט שטיל): איך הער עס די גאַנצע צייט. עס שטיקט מיך און ס'ווילט זיך לאַכן. (לאַכט קורץ) הייליקע מוטער, פאַרלאָז אונז ניט!

מיקולין: הער שוין אויף צו בעטן: עס וועט דיר העלפן פונקט ווי מיר. מיר זיינען צו טיף אין דער ערד, דיין הייליקע מוטער זאָל קענען אַהער אַפילו צוקומען. ליג רואיק און שווייג.

באַרטעללאַ: איך וויל ניט שטאַרבן...

מיקולין: קיינער וויל ניט. וואָס שווייגסטו, ביל?

סטיווענס: איך טראַכט וועגן מיין . . . עלסי'ן. ווייסט, זי איז אַ וואונדערלאַכע מיידל. און נאָך רעכן איך אויס, ווי לאַנג עס דאַרף נעמען ביז אונזערע וועלן זיך באַרואיקן און אונז קומען צו הילף.

באַרטעללאַ: וועלן זיי ווען קומען?

סטיווענס: ווער ווייסט?

(אַ פּאַוזע.)

באַרטעללאַ: עס זאָל כאָטש ווער אַנשרייבן דעם וויב... זי וועט דענקען, כ'האָב זי פאַרגעסן.

סטיווענס: וואָס פאַראַ נאַרישקייטן עס קריכן מיר איצט אין מח! זיך פלוצלינג דערמאַנט וועגן אַ פּאָר קליינִיקייטן, וואָס האָבן געטראָפן אויף מיין חתונה, מיט 20 יאָר צוריק.

מ י ק ו ל י ן: מיר איז אויך געקומען אויפ'ן זינען מיין ווייטע שטאָט אין סאָוועטן־לאַנד. קורסק, הייסט זי. דאָרטן געפינט זיך אַ גרויסער סאָסנאָווער וואַלד, וואו מיר פּלעגן זיך יעדן זונטיק צוזאַמענקומען מיט אונזערע שיקסעס און טאַנצן.

(אַ פּאַוזע.)

ב אַ ר ט ע ל ל אַ: די וואַסער הויבט זיך!

מ י ק ו ל י ן: מיינע קני זיינען שוין אינגאַנצן פאַרגאַסן.

ב אַ ר ט ע ל ל אַ: איך בין שוין האַלב אין וואַסער!

(אַ פּאַוזע.)

ב אַ ר ט ע ל ל אַ (קרעכצט): האַ!... איך ווער דערשטיקט!...

(דאָס ליכט אויף סטיוועגס'עס היטל לעשט זיך אויס.)

מ י ק ו ל י ן: ביל, דיין ליכט איז אויסגעגאַנגען!

ס ט י ו ו ע נ ס: האַלט זיך רואיק... שפּאָרט לופט... אייער ליכט וועט אויך באַלד אויסגיין... רואיק...

(ביידע פּויערלאַך גייען לאַנגזאַם אויס.)

מ י ק ו ל י ן: ווי אין אַ קבר... עפּעס רייסט און בייסט אַזוי אין האַלז...

ב אַ ר ט ע ל ל אַ (קרעכצט): פאַרפאַלן!... איך ווער דערשטיקט...

מ י ק ו ל י ן: עס שטיקט... צום טייוול...

(עס הערט זיך דער גלעכטער פון די גייסטער. אַ פּאַוזע. פון רעכטס דערטראָגן זיך דריי שוואַכע קלעפּ. אַ קליינע פּאַוזע. די קלעפּ ווידער־האָלן זיך.)

ב אַ ר ט ע ל ל אַ (שרייט פאַרשטיקט): מען קלאַפּט!

מ י ק ו ל י ן: ביל. מען קלאַפּט!

ס ט י ו ו ע נ ס (נאָך אַ קרעכץ): איך הער... מיקולין, ס'איז פון דיין זייט. ענטפער מיט דיין רידל.

מ י ק ו ל י ן (נאָך אַ קליינער פּאַוזע): כ'קען ניט... מיינע הענט זיינען ניט מיינע... באַרטעללאַ, פּרואוו דו...

ב אַ ר ט ע ל ל אַ (מיט אַ קרעכץ): באַלד... כ'קען ניט... באַלד!

(ענטפערט מיט דריי שוואַכע קלעפּ.)

ס ט י ו ו ע נ ס: זיי הערן ניט... נאָך אַמאָל, באַרטעללאַ... שטאַרקער!

(באַרטעללאַ קלאַפּט דריי מאָל. און באַלד הערט זיך פון יענער זייט אַ ווייטער רויש פון שטימען און אַ האַסטיקער קלאַפּן פון אַ סך העק און רידלען.)

סטיווענס: זיי האָבן דערהערט... זיי וועלן שוין קומען...
(לאַכט דורך טרערן.)

מיקולין: מיר'ן נאָך לעבן... נאָך לעבן...

באַרטעללאַ (וויינט): צוליב מיין אַנדזשעליקע'ן... און דאָס קינד...
(די קלעפּ אין דער וואַנט ווערן האַסטיקער און קומען צו נעענטער. אַ פּאַוזע.)

פאָרהאַנג

דריטער אקט

פינפטע בילד

סטיוועגס'עס הויז. 8 אזייגער אין אוונט. בארטעללא ליגט אויפ'ן בעטל. מעקפאדן זיצט אויף זיין בעטל און לאטעט א רעקל. בלעק שפאנט איבער'ן צימער, פילט אן די ליולקע. ביים טיש זיצן סטיווענס און וואבלי, שמועסן צווישן זיך. אלע רויכערן. פון קיך הערט זיך דער קלאנג פון געשיר.

סטיווענס: איך גיב צו, וואבלי, דו ביסט געווען גערעכט. צו שניידן אונזער קלענגלאכן געהאלט פיר חדשים נאך דעם, ווי מען האט עס ערשט געשניטן, — אויף דעם האב איך זיך אפילו ניט גערעכט.

וואבלי: דאס איז דער אלגעמיינער וועג אויף וועלכן עס גייט איצט די אסאסיאציע פון אונזער באלעבאטים. זיי האבן באשלאסן צו צעברעכן אונזער יוניאן און איילן זיך עס צו טאן אזוי לאנג ווי אונזערע אלטע פירער זיינען נאך אין זאטל און העלפן זיי ארויס.

(עלסי קומט אריין פון קיך. הערט זיך צו. באלד נאך איר קומט אויך ארויס ריטא.)

סטיווענס: ווי אזוי מיר זאלן זיך ניט דרייען — קיין סטרייק וועלן מיר ניט אויסמיידן. און ווי קען מען האפן אויף א זיג, ווען 70 פראצענט פון אלע קוילן קומט איצט פון דרום, פון די ניט־ארגאניזירטע פעלדער, און זיי זיינען ניט ארגאניזירט בלויז דערפאר. ווייל אזוי ווילן די קוילן־באראנען, און אונזערע פירער טוען זייער ווילן. יט נעם אונזער קאמפאניע 35 שאכטן. בלויז 12 זיינען ארגאניזירט. און ווען כ'האב לעצטן יאר אויף דער קאנווענשאן אנגעוויזן אויף דעם און געפאדערט עפעס צו

טאָן, האָט מען מיך פאַרשריגן אַלס רויטן, אַלס קאָמוניסט. ער, מען פאַרקויפט אונז, ברודער!

עלסי (שטיל, פעסט): פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן!

ריטא (גייט צו צום מאַן, קוקט אים אין פּנים אַריין, פרעגט שטיל): ביל, סטרייקן איצט, צוםווינטער?!

סטיווענס: יאָ, ווייב! מען צווינגט אונז. (זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.)

עלסי (נעמט אַרום די מוטער): ניט געזאָרגט, מוטער! (קוקט זיך אַרום) וואו איז פאַל?

בלעק: ליגט ערגעץ־וואו מיט מיקולינ׳ען באַהאַלטן אַרום דעם אָפּיס. מען האָט אונז איבערגעגעבן, אַז יעדן פאַרנאַכט קומען צום „נעלן הונט" די „סטול־פּידזשענס" מיט זייערע באַריכטן. אפשר וועלן מיר וועמען פון זיי דערקענען.

מעקפּאַדן (לאַכט): „סטול־פּידזשען". — אַ שווער וואָרט און אַ שאַרפס. ביי אונז אין איירלאַנד פלעגן מיר אַמאָל רופן די פאַררעטער: „קוילן־שלינגער", ווייל ווען מיר פלעגן זיי נאָר כאַפּן, האָבן זיי ביי אונז געשלונגען „קוילן".

עלסי: פּאַ, כ׳גיי זיך צולייגן אַביסל. רוף מיך אַרונטער ווען די פאַרזאַמלונג וועט זיך אָנפאַנגען.

(סטיווענס שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ. זי גייט אין שלאָף־צימער, ריטאַ אין קיך.)

מעקפּאַדן: איצט ווען עס שמעקט מיט אַ סטרייק — האָט מען מיר געהייסן קומען אַרבעטן. ווייס איך ניט, צי סטרייקט מען ווייל איך פאַנג אָן אַרבעטן, צי פאַנג איך אָן אַרבעטן ווייל מען קלייבט זיך סטרייקן?

בלעק: אונזער רעגירונג טאָר ניט דערלאָזן, אַז געוויסנלאָזע קוילן־קאָמפּאַניס זאָלן אונז אויסראָטן דורך הונגער און נויט.

וואַבלי: וואָרט, דער קאַמף וועט זיך אָנפאַנגען, וועט דיין פּאַטריאָטיזם שנעל אָפּשטאַרבן פון אַ לונגען־אָנצינדונג. וועסט זיך איבערצייגן, אַז אונזער רעגירונג און אונזערע באַלעבאָטים זיינען איינס און דאָס זעלבע. יעדער פון אונזערע מיניסטאָרן

איז א מיליאנער, פאַרמאַגט פאַבריקן און קוילן־גריבער. צי האָלטסטו זיי פאַר אַזעלכע אידיאָטן, זיי זאָלן קעמפן געגן זיך אַליין?

(בלעק שפּאַנט אַן אַנגעשטרייגטער איבער׳ן צימער. פּאָל קומט האַסטיק אַריין. נאָך אים מיקולין. ריטאַ קומט אַריין פון קיך.)

פּ א ל: פּאַטער, מיר האָבן אַ שרעקלאַכע נייעס!

מ י ק ו ל י ן (קוקט זיך אַרום): איז עלסי אין הויז?

ר י ט א: זי איז אין שלאָף־צימער. וואָס איז געשען?

(באַרטעללאַ זעצט זיך האַסטיק אויף; בלעק בלייבט שטיין; מעקפאַדן הערט אויף צו נייען. עלסי קומט שטיל אַרויס פונ׳ם שלאָף־צימער, גייט אַראָפּ פון דריי טרעפּלאַך, זעצט זיך.)

פּ א ל: איין „סטול־פּידזשען" האָבן מיר געפּאַקט!

ס ט י ו ו ע נ ס: ווער איז ער?

פּ א ל: גרין!

(אַלע גיבן זיך אַ וויג אויף צוריק. עלסי קוקט זיך אַנגעשטרייגט אַיין אין ברודער.)

ו ו א ב ל י: זייט איר זיכער?

מ י ק ו ל י ן: אַן שום צווייפל. צוערשט אים אין גאַס דערקענט, דערנאָך אים געזען דורכ׳ן פענצטער אין געלן הונט׳ס אָפיס. ער האָט דערציילט און יענער האָט פאַרשריבן.

ע ל ס י (גיט זיך פאַראויס): פּאָל, גרין האָסטו געזאָגט?

(אַלע ציטערן אויף. דרייען אויס צו איר די קעפּ.)

פּ א ל (נאָך אַ קליינער פּאַוזע): יאָ, שוועסטער... ער!

ע ל ס י (גיט זיך מיט ביידע הענט אַ כאַפּ פאַר׳ן קאָפּ; זיצט אַזוי אַ ווייַלע, נעמט אַוועק די הענט פונ׳ם פּנים. גייט אין שלאָף־צימער.)

ב א ר ט ע ל ל א (שפּרינגט אויף): באַרטעללאַ וועט היינט גרינ׳ען דערשטיקן! אַ פאַררעטער מוז שטאַרבן!

ר י ט א: גאָט מיינער, ווי איז עס מעגלאָך?

ס ט י ו ו ע נ ס (זיפצט): אַ וואוילער בחור געווען: זיך פאַרפּלאָנטערט.

ו ו א ב ל י: דאָס איז אויך איינער פון זייערע וועגן: אונז שלאָגן מיט אונזערע אייגענע הענט.

מ ע ק פ אַ ד ן: איצט פאַרשטיי איך שוין, ווער זיין רייכער ניו־יאָרקער אַנקל איז געווען! פו, וואָס פאַר אַ פּאַסקודנער. געלער אַנקל!

(ראָזיטאַ און ראָדריגעץ קומען אַריין.)

ר אָ ז י ט אַ (צום מאַן): אָנו זאָג זיי נאָר דאָס, וואָס דו האָסט מיר נאָר וואָס געזאָגט אין הויז! אָבער פּונקט דאָס זעלבע!

ר אָ ד ר י ג ע ץ (צו אַלעמען): געהערט אַזאַ נידערטרעכטיקייט?! אין אָפּים הענגט שוין אויף דער וואַנט אַ מעלדונג, אַז פון מאָנטיק אָן שניידט מען דעם געהאַלט אויף 10 פּראָצענט. מיט פיר מאָנאַטן צוריק געשניטן און איצט ווידער!

ר אָ ז י ט אַ (צופרידן): דאָס זיינען זיינע אייגענע ווערטער. איך האָב זיי אים ניט אויסגעלערנט.

(דזשאָנסאָן קומט אַריין. פירט פאַר'ן האַנט מייק'ן, וועלכער שלעפּט נאָך זיך דאָס ווייסע הינטל אויף אַ שטריקל.)

ד ז ש אָ נ ס אָ ן: נאָך ניט פאַרשפּעטיקט?

ס ט י װ ע נ ס: ניין. זיץ. מיר'ן באַלד אָנהויבן.

ד ז ש אָ נ ס אָ ן: מיינע שוואַרצע זיינען זייער אומרואיק. זיי ווייסן ניט וואָס צו טאָן.

ס ט י װ ע נ ס: אָט דאָס וועלן מיר נאָך היינט באַשליסן.

(עס קומען אַריין די ערשטע און צווייטע פרוי. באַגריסן זיך מיט די אָנוועזנדע. נאָך זיי לויפט אַריין פּיט מיט'ן שוואַרצן הינטל אויף די הענט. שטעלט זיך באַלד אַוועק מיט מייק'ן אין אַ זייט און ביידע נעמען באַטראַכטן די הינטלאַך. עס קומען אָן נאָך קוילן־גרעבער מיט זייערע פרויען. סטיווענס און וואַבלי באַגריסן זיי.)

1 ט ע פ ר ו י: דער קאָמפּאַני'ס ריכטער האָט נעכטן אַריינגעזעצט מיין דזשימי'ן אויף דריי טעג אין טורמע, ווייל ער האָט זיך ניט געלאָזט באַ'גנב'ענען ביים וועגן די קוילן.

װ ו אַ ב ל י: געהערט. ער האָט זיך צעשלאָגן מיט'ן קוילן־וועגער. (גיט איר אַ קלאַפּ איבער'ן אַקסל) דיין דזשים איז אַ' בראַווער יונג. וועט זיין אַ גוטער סטרייקער!

1 ט ע פ ר ו י: איך בין שטאָלץ מיט אים. כ'בין אויף זיין אָרט אַהער געקומען.

(קאָזלינסקי און דזשאבא קומען אַריין. באַגריסן זיך מיט די אַרומיקע.)

2טע פרוי: מיין פאַל איז אין פּיטסבורג, וועל איך זיין פלאַץ פארנעמען.

סטיווענס (גיט איר אַ קניפּ אין באַק): גוט, זייער גוט! ווייסט, וואבלי, איך דענק, מיר קוילן־גרעבער האָבן די איבער־געגעבנסטע ווייבלאַך פונ'ם גאַנצן לאַנד.

1טע פרוי: יו בעט!

2טע פרוי: זיכער! וואָס טויגט איר אַז אונז אויף דער „פּיקעט ליין"?

קאָזלינסקי: ריכטיק! איין פרוי אויף דער פּיקעט ליין איז ווערט צוויי מענער!

מעקפאַדן: דאַרף טאַקע דערפאַר יעדער קוילן־גרעבער האָבן וואָס מער ווייבער.

מאַרטאַ (איילט זיך אַריין אַ בייזע, זוכט אָפּ מיט'ן בליק דעם מאַן. ווייזט אים דראָענדיק מיט'ן פינגער): מיך אין הויז האָסטו איבער־געלאָזט און אַליין אַוועק אהער צו דער פאַרזאַמלונג. מאַרטאַ'ן נאַרט מען ניט. מאַרטאַ וועט סטרייקן גלייך מיט אַלעמען. דאַרף זי אויך אויף דער פאַרזאַמלונג זיין!

וואָבלי (באַרואיקט זי): געדעכט, מאַרטאַ, אָבער זיי אים מוחל: ער האָט קיין שלעכטס ניט געמיינט. (קוקט זיך אַרום) כ'דענק, מיר'ן אָנפאַנגען. סטיווענס, זיי פאַרזיצנדער.

סטיווענס: גוט, אויב קיינער האָט ניט דאַגעגן.

שטימען: ניין! זיכער ניט! פיר די פאַרזאַמלונג!

סטיווענס: ברידער, קוילן־גרעבער! איר ווייסט דעם צוועק פון אונזער היינטיקער קאָנפערענץ. די אַרבעטער פון אונזערע 13 יוניאַן שאַכטן, וועלכע האָבן אייך דערוויילט און אהער גע־שיקט, האָבן איבערגעגעבן אין אייערע הענט זייער שיקזאַל. איר ווייסט, אַז פאַר די לעצטע פאַר יאָר האָט אונזער קאָמפּאַני אין איין שניידן די שכירות. פון 7.50 אַ טאָג, לויט דעם דזשעקסאָנ־וויל אָפּמאַך, האָט מען אונז אַרונטערגעדריקט ביז 4.50 און 4

דראָלאַר אַ טאָג. מיר אַרבעטן ניט מער ווי צוויי־דריי טעג אַ וואָך און פּילע הונגערן. אין די שאַכטן היט מען ניט אָפּ קיינע יוניאָן־געזעצן און דאָס זעלבע אויך אויסער דער שאַכט. קלאָגן זיך איז ניטאָ צו וועמען. אונזערע פּירער טוען דעם ווילן פֿון די קוילן־באַראָנען. פֿון אונז לאַכן זיי זיך אויס. זיי וועלן צושטימען אויך צו אַ נייעם שניט אין אונזער געהאַלט, וואָס די קאָמפּאַני פּירט איין פֿון מאַנטיק אָן. מיר קענען זיך מער אויף זיי ניט פֿאַרלאָזן און מיר וועלן היינט אַליין באַשליסן ווי צו האַנדלען. ווער וויל אַ וואָרט? (עטלאַכע הענט הויבן זיך אויף.) רעד דו, דזשאַבאַ.

(עלסי קומט אַרויס פֿונ'ם שלאָפֿצימער. שטעלט זיך אַוועק הינטער'ן פֿאָטער.)

ד ז ש אַ ב אַ (הויבט זיך אויף): כ'בין שוין 30 יאָר אַ קוילן־גרעבער. צען יאָר דאָ און צוואַנציק יאָר ביי זיך אין אונגאַרן. איך קען זיי גוט, אונזערע באַלעבאַטים. כ'האָב געזען זייער אמת'ן פּנים אין צייט פֿון סטרייקס און אין צייט פֿון רעוואָלוציע. די בלוטדורשטיקסטע חיות זיינען זיי, און ווען עס קומט צו אונז — שטאַרבן ביי זיי אָפּ די ווערטער: רחמנות און געוויסן. ס'איז מיר דאָרטן און דאָ קיינמאָל ניט צו גוט געווען, אָבער איצט איז שוין אוממעגלאַך ווייטער איבערצוטראָגן! אוממעגלאַך! די ווייב וויינט, די קינדער וויינען, איך אַליין... וויל אויך וויינען... מער קענען מיר שוין ניט... דאָס אַלץ! (זעצט זיך.)

ס ט י ו ו ע נ ס: איידער איך גיב דאָס וואָרט ראָזיטאַ'ן, וויל איך מעלדן, אַז גרין, נומער 147, איז אַ „סטול־פּידזשען“, און זייט מיט אים פֿאַרזיכטיק אין דער צוקונפֿט. (אַלע קוקן זיך איבער, וואַרפֿן זיך איבער מיט אַ פּאָר ווערטער. עלסי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.) נאָך אונזערער אַ קרבן, אָבער געפֿאַלן מיט שאַנד. ראָזיטאַ, האָסט דאָס וואָרט.

ר אָ ז י ט אַ: כ'האָב עס גענומען פֿאַר ראָדריגעצ'ן. (צום מאַן) רייד!

ר אָ ד ר י ג ע ץ (הוסט זיך אויס): ניטאָ קיין סך וואָס צו ריידן!

װערטער זײנען גארניט. מען דארף האנדלען! די קאמפאני האט גאר קײן רחמנות ניט. זױגט אונזער בלוט. איז נאך געבליבן א קלײן ביסעלע בלוט, װילן מיר עס איר גלאט אזױ ניט אװעקגעבן. װעלן מיר קעמפן. איך זאג, מיר דארפן סטרײקן! (װארפט א בליק צום װײב.)

(ראזיטא שאקלט צו אים צופרידן מיט'ן קאפ.)

מעקפאדן: פײן, ראזיטא!

ראזיטא: ניט ראזיטא. נאר ראדריגעז! (אײניקע קוקן זיך איבער, שמײכלען.)

סטיװענס: װאס װעט בארטעללא זאגן?

בארטעללא (הױבט זיך אױף): מײן בלוט ברענט אין מיר! מערדער זײנען זײ! מיר זײנען בײ זײ ערגער װי הינט. 3 יאר ארבעט איך און האב גארניט. װעל איך סטרײקן און הונגערן און אױך גארניט האבן!

סטיװענס: מיקולין, װאס װילסטו זאגן?

מיקולין: חברים! אזױ רופן מיר, רוסן, אונזערע ארבעטער. איך האב אמאל געזען א גרױסע ערדציטערניש. די ערד האט אין פילע ערטער געפלאצט און מענטשן, בהמות און גאנצע הײזער זײנען אײנגעשלונגען געװארן. בײ אונז אין דארף, האבן די פױערן גערעדט צװישן זיך, אז דאס האט מען די ערד דערצארנט. מיר קױלן־גרעבער זײנען קינדער פון דער ערד, פון דער טיפעניש. פונקט װי די זון, װארימען מיר די װעלט, יאגן אירע פאבריקן, שאפן רײכטימער. אלײן אבער, פרירן מיר אין אונזערע ארימע הײזקעס, אונזערע װײבער און קינדער גײען אפגעריסן און זײנען ניט שטענדיק זאט. אבער אונזערע מוסקולן זײנען שטײף װי די קױלן װאס מיר האקן, און אונזער בלוט איז רױט און זידיק. און װען אונזער געדולד און צארן װעט פלאצן װעט די אױבערפלאך פון דער ערד זיך עפענען און אלץ װאס האט אונז געשטיקט און געדריקט װעט אין אפגרונט פארשװינדן! און מיר, די קינדער פון פינצטערניש, װעלן א נײעם, ליכטיקן טאג אנצינדן דא אין לאנד פאר אלעמען. פונקט װי מײנע ברידער, די

באָלשעוויקעס, האָבן עס ביי זיך אין דער היים געטאָן. אָבער דערווייל מוז מען קעמפן. מיר קענען ניט איינגיין אויף אַ קלענערן געהאַלט, און איידער זיי זאָלן אונז פון די שאַכטן אַרויס־וואַרפן, וועלן מיר בעסער מאַנטיק אַליין אַרויס אין סטרייק!
ע ל ס י (שטיל, פעסט): אין סטרייק!
ס ט י ו ו ע נ ס: וואָס דענקסטו, דזשאַנסאָן?
ד ז ש א נ ס א ן: ניטאָ וואָס צו דענקען, סטיווענס! אויב אייער לעבן איז שווער, איז אונזער, דער נעגערשער, נאָך שווערער. און אויב סטרייקן, איז סטרייקן צוזאַמען: ווייס און שוואַרץ!
2 ט ע פ ר ו י: צוזאַמען! ווייס און שוואַרץ!
א ל ע (שטיל): ווייס און שוואַרץ!
ד ז ש א נ ס א ן: מען האָט דאָ דערמאָנט גרינ'ען. ער איז פריער געווען ביי אונז און אונז געפּרואווט איינרעדן, אַז מען דאַרף ניט סטרייקן.
ב א ר ט ע ל ל א: אַ מעסער אין בויך!
ס ט י ו ו ע נ ס: מעסערס אין אונזער קאַמף קענען ברענגען בלויז שאָדן. געדענק עס, באַרטעללאַ! וואָס ווילסטו זאָגן, קאָזלינסקי?
ק א ז ל י נ ס ק י: איך וואָלט געראָטן, איידער מען באַשליסט סטרייקן, פּרואוון דורכצורעדן זיך מיט דזשעקסאָנ'ען. מיר זיינען אַלע אויסגעמאַטערט. אפשר וועט מען קומען צו אַן אויסגלייך? אונזער קאָמפּאַני פאַרמאָגט 35 שאַכטן, בלויז 12 באַלאַנגען צו דער יוניאָן. 23 זיינען אָפן. ווי קענען מיר סטרייקן, ווען זיי וועלן אַרבעטן?
ס ט י ו ו ע נ ס: עס וועט ניט העלפן, ברודער. בלעק האָט דאָס וואָרט.
ב ל ע ק: וואָס איר זאָלט ניט באַשליסן — בין איך מיט אייך. אָבער כ'מוז אונטערשטרייכן: איך בין אַן אַמעריקאַנער און בין שטאָלץ מיט דעם! כ'האָב געדינט מיין לאַנד אין דעם וועלט־קריג, און מיין בלוט פאַר אונזער פרייהייט פאַרגאָסן. די זשעד־נעקייט פון די רייכע האָט פאַרשמוצט אונזער לאַנד, באַדעקט מיט שאַנדע אונזערע פרייע אינסטיטוציעס. אונזער קאַמף איז אַ

קאמף צווישן קאפיטאל און ארבעט און האט גארניט צו טאן מיט אונזער לאנד. אמעריקע איז איבער אלץ! איך וועל נעמען אונזער פאן, אנטאן מיינע מיליטערישע קליידער און גיין פאראוים. איך האב א רעכט צו קעמפן פאר א גרעסער שטיקל ברויט. און זאל מיך ווער וואגן אפצושטעלן!

(א קליינע פאוזע.)

סטיווענס: דאס לעצטע ווארט האט וואבלי.

וואבלי: חברים! אייער ענטפער איז היינט קלאר. פונקט ווי אונזער לאגע. פון ארבעטער האבן די קוילן־באראנען אונז פארוואנדלט אין בעטלער. אבער דאס איז זיי נאך אלץ ווייניק. זיי ווילן אויסזויגן אונזער יעדן טראפן בלוט. דאס וועט זיי שוין ניט געלינגען. זינט 1922 האבן זיי גענומען ברעכן אונזער שטארקע יוניאן און זי ביסלאכווייז פארוואנדלט אין א הילפלאזן זקן. זיינען מיר אין דעם שולדיק? ניין! מיר זיינען שטענדיק גרייט געווען צו קעמפן פאר אונזער יוניאן. האט מען אונז אבער ניט געלאזט. ווער? אונזערע פירער, וועלכע זיינען געוואקסן פון אונזער בלוט און שוויים און ארבעטן איצט האנט אין האנט מיט די באלעבאטים. זיי האבן פארדעטעריש צעשניטן אונזער יוניאן אין שטיקער און איבערגעגעבן יעדן טייל באזונדער צו אונזערע שונאים. זיי לאזן אונז אויך איצט ניט קעמפן...

עלסי (שרייט אויס): וועלן מיר קעמפן אן זיי!

אלע (חזר'ן שטיל איבער): וועלן מיר קעמפן אן זיי!

סטיווענס: אן זיי און געגן זיי!

אלע (חזר'ן שטיל איבער): אן זיי און געגן זיי!

וואבלי: ניטא קיין אויסוועג: מיר'ן ניט ווארטן ביז מען וועט אונז מאנטיק ארויסווארפן פון די שאכטן. מיר וועלן דער־לאנגען דעם ערשטן קלאפ, און מאנטיק דערקלערן א סטרייק. אויב ליידן איז אין קאמף און פאר א צוועק. ווער איז פאר'ן סטרייק — הויבט זיך אויף! (אלע אחוץ קאזלינסקי'ן שטייען אויף.) גוט! אויב אזוי וועל איך אייך זאגן, אז צוזאמען מיט אונז גייען ארוים נאך דרייצן פון די שאכטן וואס באלאנגען צו אונזער

קאָמפּאַני, צוזאַמען 25. וועט אונז בלייבן אַרונטערצונעמען בלויז 10 גריבער. (אַלע אַפּלאָדירן.)

ק אַ ז ל י נ ס ק י (הויבט זיך אויף): אויב אַזוי, בין איך מיט אייך!

מ י י ק (טרעט אַרויס פאָראויס): איך בין אויך אַ קוילן־גרעבער. פאַרדין 60 סענט אַ טאָג. איך וועל אויך סטרייקן!

פּ י ט: איך אויך!

(געלעכטער. די טיר עפנט זיך שנעל. גרין איילט אַריין. אַלע קוקן זיך איבער. עלסי גיט זיך פאָראויס.)

ג ר י ן (אָטעמט שווער): אַנטשולדיקט. זיך פאַרהאַלטן. (שמייכלט צו די אַרומיקע. פרעגט דעם נאָענטסטן) נו, ווי האַלט עס דאָ? יענער קערט אָפּ דעם קאָפּ. ער פרעגט די זעלבע פראַגע אַ צווייטן. די זעלבע האַנדלונג מיט אַ בליק פול מיט האַס. ער קוקט זיי אָן צעמישט פאַרוואונדערט, דערנאָך דערשראָקן.)

ס ט י ו ו ע נ ס: אָט באַלד, גרין, וועל איך דיר זאָגן ווי עס האַלט...

(עס הערט זיך אַ רויש פון אַ צופאָרנדיקן אויטאָמאָביל. אַלע הערן זיך איין, קוקן זיך איבער. די טיר צעעפנט זיך ברייט. מוירפי קומט אַריין. אַ באַוועגונג פון שרעק. אַלע קוקן זיך איבער.)

מ ו י ר פ י: העללאָ, חברה! זע נאָר, אַ גאַנצע פאַרזאַמלונג און מיך אפילו ניט איינגעלאַדן?

(אַ קליינע פּאַוזע.)

ס ט י ו ו ע נ ס: וואָס איז די נויט: דו קומסט סיי ווי ניט ווען מיר, אַרבעטער. רופן דיך.

ע ל ס י (שאַרף): קומסט אָבער גלייך צולויפן, ווען די קאָמפּאַני שיקט נאָך דיר.

ר אָ ד ר י ג ע ז: זיי דינסטו טרייער ווי אונז! (קוקט צופרידן צום ווייב.)

ר אָ ז י ט אַ: זיי צאָלן בעסער!

ב אַ ר ט ע ל ל אַ: גיי בעסער אָפּן אַריבער צו זיי!

ס ט י ו ו ע נ ס (צו די אַרומיקע): גענוג! (צו מוירפי׳ן) נאָך וואָס ביסטו געקומען אַצינד?

מ ו י ר פ י: ראַטעווען אייך פון אַ היבש ביסל צרות!

דזשאבא: ווייסטו, אז מיר אַרבעטן פאַר 3 דאָלאַר אַ טאָג?
2טע פרוי: און בלויז צוויי טעג אַ וואָך?
בלעק: די באָלעבאַטים לאָזן זיך אויס פון דיין יוניאָן! און אונז קומסטו שרעקן מיט איר!
מיקולין: אונזער יוניאָן איז אַ שוץ פאַר די קוילן־באַראָנען, ניט פאַר אונז!
דזשאנסאן: פאַר וואָס לאָזט איר ניט אָרגאַניזירן די ניט־יוניאָן גריבער?
מארטא: איר פרעסט צו פיל און צו גוט!
1טע פרוי: ווייסטו אַז מיין דזשים איז אין תפיסה פאַר ניט לאָזן זיך באַ'גנב'ענען ביים וועגן די קוילן?
שטימען: ווי ווייסט ער? ער ווייסט גאַרניט! ער איז פאַר די באָלעבאַטים! זיי דינט ער!
מעקפאַדן: מען הונגערט, צום שוואַרצן יאָר!
סטיווענס (צו מוירפי'ן): דו הערסט? פון וואָס נאָך פאַר אַ צרות ווילסטו זיי ראַטעווען?
מוירפי (שרייט): איר קענט איצט ניט סטרייקן!
וואַבלי (שאַרף): פאַר וואָס? ווייל די קאָמפּאַני וויל ניט? זיי האָבן עס דיך געשיקט אַהער?! גיי און זאָג זיי, אַז מאַטניק פרי פאַנגען מיר אָן אַ קאַמף פאַר'ן דזשעקסאָנוויל אַפּמאַך און פאַר אַ ריינער יוניאָן. מיר זיינען אויך מענטשן, און אויב ניט לעבן ווי מענטשן — ווילן מיר אויך ניט אַרבעטן!
מוירפי: דו, וואַבלי, שווייג בעסער! ביסט אַ רויטער, אַ קאָמוניסט, אַ פאַררעטער!
וואַבלי (איראָניש): איינער פון אונז איז זיכער אַ פאַר־רעטער!
עלסי: ניט דו, וואַבלי!
מוירפי (שרייט): איך טעלעגראַפיר גלייך אין גענעראַל אָפיס. איך פאַרבאָט אייך צו סטרייקן! (לויפט אַרויס.)
שטימען: לויף! טעלעגראַפיר! אָבער ברייננג ניט קיין סעקבס!

(אַ קליינע פּאַוזע. אַלע ריידן צווישן זיך.)

מ ע ק פ אַ ד ן : און וועגן גרינ.ען האָבן מיר שוין אינגאַנצן פאַר־גענסן ?!

(עס ווערט מיט אַמאָל שטיל. אַלע דרייען לאַנגזאַם אויס די קעפּ צו גרינ׳ען, וועלכער נעמט זיך אומרואיק באַוועגן אונטער זייערע בליקן. אַ פּאַוזע.)

ג ר י ן (פאַרלאָרן) : וואָס איז ? וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי ?...

ס ט י ו ו ע נ ס : מיר באַטראַכטן, וואָס פון אַן ערלאַכן אַרבעטער קען ווערן.

(עלסי גייט צו נעענטער, קוקט אָנגעשטריינגט אויף גרינ׳ען.)

ג ר י ן : אָבער... אָבער וואָס איז געשען ?...

ב אַ ר ט ע ל ל אַ (וואַרפט זיך אויף גרינ׳ען מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטן. וואַבלי האַלט אים אָפּ) : לאָז מיך, וואַבלי, איך וועל אים דערשטיקן !

ו ו אַ ב ל י : נאַרישקייטן ! דיין לעבן האָט פאַר אונז פיל מער ווערט ווי זיינער.

ע ל ס י (מאַכט נאָך אַ פּאָר טריט נעענטער צו גרינ׳ען).

ג ר י ן (קוקט זיך אַרום פאַרלאָרן) : עלסי, אין גאָטעס ווילן, וואָס ווילן זיי פון מיר ?

ע ל ס י (שאַרף) : דו ווייסט פון גאָרניט ?! (קוקט אים גלייך אין די אויגן.)

ג ר י ן (האַלט ניט אויס איר בליק) : זיכער ניט... פון וואָס זאָל איך וויסן ?

ע ל ס י (שרייט) : ביסט אַ פאַררעטער ! אַ „סטול־פּידזשען“ !

ר י ט אַ : אונז פאַרקויפט פאַר עטלאַכע שמוציקע דאָלאַר ?... דו, גרין ?

צ אַ ר נ ד י ק ע ש ט י מ ע ן (פויסטן ציען זיך צו אים) : פאַר־רעטער ! אונזער קללה אויף דיין קאָפּ ! פאַרקויפטע נשמה ! סטול־פּידזשען ! געלער הונט ! גיי צו דיין באַלעבאָס !

(גרין דריקט זיך אינגאַנצן צוזאַמען. פאַלט כמעט צו צום דיל.)

ע ל ס י (רייסט אַראָפּ זיין רינגל פון איר פינגער, וואַרפט עס אים אין

פנים אריין): נא! (שארף) ארויס פון דאַנען! און זאָל דיין געוויסן דיך ברענען ווי מיך דיין גרויסע באַליידיקונג. ארויס!
(גרין לויפט שנעל אַרויס, מיט די הענט זיך האַלטנדיק פאַר׳ן קאָפּ. עלסי גיט זיך אַ וואַקל, ווי צום פאַלן. סטיווענס כאַפּט זי אונטער.)

סטיווענס (דריקט צו איר קאָפּ צו זיין ברוסט): באַרואיק זיך, קינד מיינס. (דרייט אויס דעם קאָפּ, זאָגט צו אַלעמען): גייט און לאָזט אַלעמען וויסן, אַז מאַנטיק פרי פאַנגען מיר אָן אונזער קאַמף.

אלע (חזר׳ן איבער): מאַנטיק פרי... מאַנטיק פרי... אַ גוטע נאַכט! מיר׳ן שוין לאָזן וויסן! מאַנטיק פרי! אַ גוטע נאַכט!
(גייען אַרויס.)
(סטיווענס באַגלייט זיי מיט׳ן בליק, גלעטנדיק עלסי׳ס האָר.)

פאָרהאַנג

דריטער אקט

זעקסטע בילד

ביינאַכט הינטער׳ן שטעטל. אַ פעלד. אַ ווייסער שטיין. פינצטער. צוויי שאָטנס קומען אָן. צוויי שטראַלן־וואַרפער באַלייכטן דעם שטיין.

פאל: דאָ איז עס, עלסי. אָט ביי דעם ווייסן שטיין ווען מיר היינט האָבן אונזער פאַרזאַמלונג.

עלסי (קוקט זיך אַרום): ס׳איז זיכער דאָ: כ׳קען גוט דעם פּלאַץ.

פאל: פאַרפלוכטע הינט: האָבן אונטערגעצונדן אונזער יוניאָן־זאַל און פאַרבאַטן איבער׳ן גאַנצן שטעטל צו פאַרדינגען אן אנדערן.

עלסי: זעץ זיך. (ביידע זעצן זיך.) דאָס איז אַלץ דזשעקסאַנ׳ס אַרבעט.

פ א ל: אַלע צרות וואָס מיר שטייען אויס — קומען פון אים. דער פאָטער האָט מיר פאַרבאָטן, אַנדערש וואָלט איך אים נאָך אַפילו היינט ביינאַכט אַ קויל אין קאָפּ אַריינגעיאָגט.

ע ל ס י: וואָס איז די נוץ? ניט ער, וועט אַ צווייטער וואָלף זיין פּלאַץ פאַרנעמען.

פ א ל: אַ וועלט פון הינט און וועלף! מיר וועלן אָבער ניט שטענדיק זיין די שעפּסן. (אַ פּאַוזע.) ווי שטאַרק דו, שוועסטער, האָסט זיך געענדערט די לעצטע צייט. ניט צום דערקענען.

ע ל ס י: ניט נאָר איך. די מוטער איז אויך אַ אַנדערע געוואָרן. גייט שוין ניט מער אין קלויסטער. האָסט דעם גלח ניט ווייניקער ווי דעם שעריף.

פ א ל: כ'ווייס, עס טוט דיר ווי פאַר גרינ'ען...

ע ל ס י (זיפצט): יאָ... וואָס מיך מאַטערט אַפּט איז אַ געדאַנק. אַז ער האָט עס אַלץ מעגלאָך צוליב מיר געטאָן...

פ א ל: מעגלאָך... אפשר. ווען דו קענסט אים מוחל זיין און...

ע ל ס י (פּעסט): שווייג!

(אַ פּאַוזע.)

פ א ל: ווייסטו, שוועסטער, אַז איינער פון די בעסטע און שענסטע מענטשן צווישן אונז האָט דיך שוין לאַנג ליב?

ע ל ס י (נאָך אַ פּאַוזע): דו לאַכסט, אָדער ווילסט מיך באַרוהיקן?

פ א ל: ניין. דער פאָטער האָט מיר ערשט לעצטע וואָך וועגן דעם געזאָגט.

ע ל ס י: דער פאָ? ווער איז עס?

פ א ל (נאָך אַ פּאַוזע): וואַבלי.

ע ל ס י (גיט זיך פאַראויס): עס קען ניט זיין: ער האָט מיט קיין איינציק וואָרט מיר עס קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן, און... אפשר... איז זיין שפּראַך געווען אַן אַנדערע... און כ'האָב זי ניט פאַרשטאַנען?...

פ א ל: דאָס איז עס, שוועסטער. אַזעלכע ווי וואַבלי זיינען אומדרעשראָקן אין קאַמף, אָבער ווען עס קומט צו פאַרזענלאַכע ענינים

זיינען זיי אפט צו איינגעהאלטן. דאס זיינען דעם פאטער'ס ווערטער.

עלסי: איצט דערמאן איז זיך אן פילע קלייניקייטן, און... ס'ווערט מיר נאך שווערער אויפ'ן הארצן.

פאל: דער פא האט אים געמוזט צוזאגן קיין ווארט דיר וועגן דעם ניט זאגן.

(א קליינע פאוזע. רעכטס, גאר נאענט, צינדט זיך אן א שטראלן־ווארפער און באלייכט פאל'ס פארטראכטע פאזע און עלסי'ס טיף גע־בויגענעם קאפ. פאל ענטפערט גלייך מיט זיין שטראלן־ווארפער און באלייכט וואבלי'ן. עס ווערט פינצטער.)

וואבלי (קומט צו): כ'האב זיך ארויסגעכאפט אביסל פריער. (פארוויכערט) נאך קיינער ניטא?

פאל: זיי וועלן, מן־הסתם, באלד אנפאנגען צו קומען.

וואבלי: וואס זיצטסו אזוי, עלסי? פילסט ניט גוט?

פאל (הויבט זיך אויף): איך וועל צוגיין א קוק טאן צי ס'איז ניט פאראן קיין „געלע" אויפ'ן וועג. (אפ לינקס.)

וואבלי (לייגט ארויף זיין האנט אויף עלסי'ס אקסל, פארנעמט פאל'ס פלאץ): וואס זיצטסו אזוי פארטרויערט, עלסי?

עלסי (נאך א פאוזע): זאגט מיר, וואבלי, איז עס אמת, וואס פאל האט מיר נאר וואס דערציילט, אז איר האט מיך ליב?

וואבלי (נאך א פאוזע): אמת, עלסי.

עלסי: פארוואס־זשע האט איר מיר קיין מאל וועגן דעם ניט געזאגט?

וואבלי (זיפצט): כ'ווייס עס אליין ניט באשטימט. קיין צייט ניט געהאט, זיך געשעמט, מורא געהאט עס זאל ניט שאדן מיין ארבעט פאר אונזער באוועגונג, דיך געהאלטן פאר נאך צו יונג... דערווייל איז אונטערגעקומען גרין, און... כ'האב פארשפעטיקט. האב איך באשלאסן דיר קיין מאל וועגן דעם ניט צו זאגן.

עלסי: עך, וואבלי, ס'איז מיר אזוי שווער... גרין'ס באליידיקונג ציט מיך צו דער ערד.

וואבלי: איך קען עס פארשטיין, עלסי. ביסט אבער אויף

אַ פּאַלשן וועג. דיינע געדאַנקען זיינען פאַרפּלאָנטערט. וואָס איז דאָס לעבן, עלסי? נו, לאָמיר זאָגן, אַ ים. טראָגן זיך כוואַליעס איינע נאָך דער צווייטער. איינע ברענגט מיט זיך שמוץ, אַ צווייטע שטיקלאַך פון אַ צובראָכענער שיף, אַ דריטע — אַ דערטרונקענעם, די פערטע וואַשט אָפּ און זויבערט אויס יעדעס זאַמדעלע אויפ'ן ברעג. האָסטו אַ יונגע, אַ ניט־דערפאַרענע זיך אַ לאָז געטאָן אין ים אַריין. האָט דיך גראָדע באַגעגנט אַ שמוציקע כוואַליע. מוזסטו צום גרונד פון דעם גיין? נאַרישקייטן! אַ צווייטע כוואַליע וועט דיך אָפּוואַשן און אַ דריטע, מעגלאַך, ברענגען גאַנצע הויפנס מיט פרייד און גליק...

ע ל ס י (מיט אַ ציטער): רעדט, רעדט, וואַבלי. עפּעס שווינקט זיך אַראָפּ פון מיר. כ'ווער ווי גרינגער.

ו ו אַ ב ל י: מיר קעמפער פאַר אַ ניי, אַ שענערן לעבן, קענען ניט און טאָרן זיך ניט איבערגעבן צופיל אין דער מאַכט פון פאַרשיידענע סענטימענטן און ליבעס־וואוילטאָגן. מיר זיינען אָבער מענטשן און מוזן האָבן אַלץ וואָס איז שיין און מענטשלאַך. ליבע און גליק — באַשיינען, דערוואַרעמען דאָס לעבן. מען מוז זיי האָבן, אָבער אַ גאָט מאַכן פון זיי — איז אַן עניין פאַר די, וועגן וועמען מיר קעמפן. דיין לעבן, עלסי, איז שטורמיש אַרויס פון די ברעגן און וועט זיך שוין קיין מאָל ניט אומקערן צוריק צום רוהיקן שטראָם. דו ביסט אַ געבוירענע קעמפערין און קענסט אויפטאָן וואונדער. וואָס איז פאַר דיר גרין אָדער אפילו אַ צענדליק אַזעלכע גרינעס? אַ בניטל שמוץ אויף דיין וועג, אַ טובלע קאַליוזשע אין וועלכער דו האָסט צופעליק אַריינגעשטעלט אַ פוס. וואַרף אָפּ פון זיך דאָס בינטל שמוץ, כאַפּ אַרויס דעם פוס פון דער קאַליוזשע און זעץ פאַר דיין נייעם וועג, העלף אונז בויען אַ ניי לעבן!

ע ל ס י (כאַפּט אים אָן פאַר'ן האַנט. דורך טרערן): אַך, וואַבלי, ווי לייכט מיר איז איצט! איר האָט מיך ווי אויפגעהויבן אין דער לופטן!

ו ו אַ ב ל י (גלעט אירע הענט): פאָראויס, עלסי! מיט מיר אָדער

אָן מיר — קיין אונטערשייד. דער קאַמף דאַרף אונזביידן גלייך האָבן.

פּ אָ ל (פון לינקס): זיי גייען שוין! (קומט אָן פּייפנדיק) זיי רירן זיך שוין, אונזערע קוילן־גרעבער.

ו ו אַ ב ל י (הויבט זיך אויף): כ'וועל וואַרטן נעבן וועלדל. (אָפּ רעכטס.)

פּ אָ ל: גוט!

ע ל ס י (הויבט זיך האַסטיק אויף. כאַפּט אָן דעם ברודער פּאַר'ן אַקסל): פּאָל טייערער, ווען דו ווייסט ווי גליקלאַך איך בין איצט!

פּ אָ ל (קוקט איר אין פּנים אַריין, גלעט איר די האָר): גוט, שוועסטער, עס פרייט מיך!

(אַ פּאַוזע. ווייט רעכטס פינקלט אויף אַ פייערל און באַלד נאָך דעם אַ צווייטער. דאָס זעלבע — לינקס.)

ע ל ס י: זיי קומען! ענטפער! דו רעכטס, איך לינקס. (צינדן אָן צו דריי מאָל זייערע שטראַלן־וואַרפערס.)

פּ אָ ל: מאָרגן וועלן מיר פּרואוון אַרונטערצונעמען די „קאָלאָמביע".

ע ל ס י: ניט פּרואוון, נאָר אַרונטערנעמען.

(פון אַלע זייטן קומען אָן איינציקווייס און צו צוויי קוילן־גרעבער מיט זייערע פרויען. זעצן זיך אוים אַרום דעם ווייסן שטיין. ריידן שטיל צווישן זיך. אייניקע פאַררויכערן די ליולקעס, פאַרדעקנדיק דערביי דאָס פייער מיט ביידע הענט. יעדעס מאָל, ווען עס קומט אָן אַ נייער, באַלייכט מען זיין פּנים פון אַ פּאָר זייטן און מען באַגריסט אים.)

1 טע שטימע: וואָס מאַכסטו, מיקולין?

מ י ק ו ל י ן: ניט שלעכט דערוויַיל. צוויי מאָל בלויז אין טורמע געזעסן.

2 טע שטימע: האָט זיך שוין פאַרהיילט דיין וואונד, דזשאַבאַ?

ד ז ש אַ ב אַ: צום טייוול! ווען אונזערע אייגענע, אונגאַרישע הענקער האָבן געשאָכטן אונזער פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, האָב איך געהאַט צען אַזעלכע וואונדן, און דער רוח האָט מיך ניט גענומען!

שטימען: אייַן באַנדע! מאָרגן פרי קומען אַן סאָלדאַטן! צוויי אָפּטיילונגען, מיט האַרמאַטן און גאַז־באָמבעס!

3טע שטימע: עי, שוואַרצער דזשאַנסאַן, עפּעס לויפן דיר די גענגסטער די לעצטע צייַט צופיל נאָך.

דזשאַנסאַן (לאַכט): דזשעקסאַן האָט באַפוילן מיך צו מאַכן פאַר אַ ווייסן: אָפּשינדן די הויט פון מיר.

4טע שטימע: באַרטעללאַ האָט נעכטן געכאַפּט אַ גענגסטער אין אַ שמאָלן געסל און אים פיין די ביינער אָנגעבראָכן.

5טע (פרויען) שטימע: איך האָב פון מייַן פענצטער געזען, ווי דער העלד איז געלאָפן אַן אַ היטל און באַרטעללאַ נאָך אים.

שטימען: פייַן, באַרטעללאַ! לעבן זאָלן דייַנע שטאַרקע הענט!
(רעכטס הערט זיך אַ שטילער געזאַנג. אַ שאָטן קומט צו.)

שטימען: ווער איז עס? ווער זינגט עס? (אַנדערע ענטפערן): ס'איז מעקפּאַדן! ווידער שיכור! (עטלאַכע שטראַלן אַנטפּלעקן מעקפּאַדנ'ס פּנים.)

מעקפּאַדן: דאָס בין איך — מעקפּאַדן... דער בעסטער סטרייקער: איך עס גאָרניט. איז דער פרי אַ שנעפּסל און פאַרטיק אויף אַ גאַנצן טאָג פאַר דער פּיקעט לייַן. גלויבט איר מיר ניט — פרעגט ביי עלסי'ן. זי וועט אייַך זאָגן.

6טע שטימע: וואו קריגסטו שנאַפּס?

מעקפּאַדן: וואו איך קריג? אין שפּייַז־קרעמל. דער באַלעבאָס מעקמעלאַן איז מייַנער אַ לאַנדסמאַן. ער פאַרקויפט איצט גאָרניט, אַפילו קיין אייַן שוועבעלע אַ טאָג ניט. מאַכט בלויז שנאַפּס פאַר די גענגסטערס און פאַר דער פּאָליציי. מאַכט אַ סך געלט, דער הונט. כאַפּ איך זיך אַרייַן צו אים אַלע פרימאָרגן גייענדיק אויף דער פּיקעט לייַן, און ער גיט מיר אַ פּאָר גלעזלאַך... גוטער שנאַפּס. וועט רייַך ווערן, דער הונט...

7טע שטימע: נו, און וואָס איז וועגן פּראָהיבישאַן?

מעקפּאַדן: פּראָהיבישאַן?... ניטאָ דאָ קיין פּראָהיבישאַן: דאָ איז אַ סטרייק. (געלעכטער.)

(רעכטס קומט אַן אַ שאָטן. ער ווערט גלייך באַלויכטן. ס'איז סטיווענס.)

סטיווענס: שטילער. מיר'ן אָנפאַנגען. קוקט זיך צוערשט איין איינער אין צווייטן, צי ס'זיינען קיין פרעמדע אָדער קיין „סטול־פּידזשענס" ניט פאַראַן דאָ צווישן אונז.

(פּייערלאַך צינדן זיך אַן אויף פילע פּנים'ער. מען קוקט זיך איין איינער אין צווייטן.)

שטימען: ניין! ניין! אַלץ אייגענע סטרייקערס!

סטיווענס: פּאָל, פאַרנעם דיין פּלאַץ און היט דעם וועג. שיק אַהער וואַבלי'ן. ער וואַרט נעבן וואַלד.

פּאָל: גוט, פאָטער. (אָפּ.)

וואַבלי (קומט אָן פון רעכטס): כ'בין שוין דאָ, ביל! העללאָ, בראַווע סטרייקערס!

שטימען: העללאָ! העללאָ! וואָס מאַכסטו, וואַבלי? זיי האָבן דיך נאָך אַלץ ניט געפּאַקט, די הינט?

וואַבלי: ווי איר זעט. קיין צייט ניטאָ אין טורמע צו זיצן.

שטימען: זאָל עלסי צוערשט עפּעס זאָגן. מיר ווילן זי הערן! עלסי! עלסי!

עלסי: ברידער, שוועסטער! ניטאָ איצט וואָס צו זאָגן. אונזער וויי און האַס צו די פרעמדע און אייגענע בלוט־צאַפּערס איז צו שטאַרק אויסצודריקן אים מיט ווערטער. טאָטן דאַרפן מיר, העלדישע טאָטן און אויך אייניקייט. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. און מיר'ן זיגן! מיר'ן אויפבויען אַ שטאַרקע, אַ ריינע יוניאָן. (שטילע אַפּלאָדיסמענטן.)

סטיווענס: איצט וועלן מיר אויסהערן וואַבלי'ס באַריכט וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע. איר ווייסט דאָך, אַז מאָרגן קומען צו אונז אָן צוויי מיליטער אָפּטיילונגען?!

שטימען: געהערט! געהערט! מיר ווייסן!

אַ פרויען שטימע לינקס (שרייט אויס דערשראָקן): אימיצער האָט זיך צוגע'גנב'עט פון אונטן!

שטימען (דערשראָקן): וואו? וואו? מוז זיין אַ פרעמדער! קוקט אים אָן!

(עטלאַכע שטראַלן־וואַרפערס באַלייכטן אַ ווינקל לינקס. די באַ־לויכטענע קוקן זיך איין אויגער אין צווייטן, צעפאַלן זיך אין ביידע זייטן. גרין בלייבט שטיין אין פאָדערגרונט.)

ש ט י מ ע ן (צאָרנדיק): גרין! גרין! דער פאַררעטער! דער סטול־פּידזשען! שלאָגט אים! טויט דעם פאַררעטער! (אַלגעמיינע באַוועגונג צו גרינ׳ען.)

ד ז ש א נ ס א ן (טרעט אַרויס): דאָס הייסטו מיינע ניגערס גיין סקעבן!

ב א ר ט ע ל ל א (גיט זיך פאַראויס): אונז אַלעמען פאַרראַטן! (ביידע וואַרפן זיך אויף גרינ׳ען, פאַנגען אים אָן שלאָגן.)

ס ט י ו ו ע נ ס (שרייט): אַוועק פון אים! (שטויסט זיי ביידן אָפּ. זאָגט שטרענג צו גרינ׳ען): נאָך וואָס ביסטו געקומען אַהער? אונז אויסשפּיאָנירן?

ג ר י ן (דורך טרערן): ניין, ניין. סטיווענס! הרג׳ע מיך, אָבער גלויב מיר, אַז ניט... כ׳קען שוין ניט מער... כ׳בין אייך געקומען וואָרענען...

ס ט י ו ו ע נ ס: געגן וואָס?

ג ר י ן: זיי האָבן דאָ מיט עטלאָכע שעה פריער געהאַט אַ זיצונג אין אָפיס און באַשלאָסן מאָרגן צו מאַכן אַ בלוט־באָד. ווען איר וועט קומען אַרונטערצונעמען די „קאָלאָמביע״. דער שעריף האָט איינגעשוואָרן די גענגסטער אַלס „דעפּיוטיס״ און זיי אַרויסגעגעבן דער קאָמפּאַני׳ס ביקסן און קוילן־וואַרפערס. היט זיך. זייט מאָרגן פאָרזיכטיק! און . . .
(אַלגעמיינע באַוועגונג. אַלע קוקן זיך איבער.)

ס ט י ו ו ע נ ס: וואָס נאָך?

ג ר י ן (שטילער): דזשעק מוירפי... אונזער יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָר, קריגט באַצאָלט פון אָפיס. כ׳האָב אַליין געזען ווי דזשעקסאָן האָט אים געגעבן געלט.
(אַן אַלגעמיינע באַוועגונג פון אָנטריסטונג און האָס.)

ע ל ס י (שאַרף): ווער קאָן עס גלויבן אַ סטול־פּידזשען?

ג ר י ן (ציטערט אויף, שרייט דורך טרערן): עלסי! (פאַרדעקט דעם פּנים מיט ביידע הענט, וויינט. אַלע שטייען מיט געבויגענע קעפּ. עס

הערן זיך שנעל־לויפנדע טריט. אַלע דרייען אויס די קעפּ.)

פּ אַ ל (לויפט אַן): די פּאַליס און גענגסטערס גייען אהער! אַנט־לויפט דורכ׳ן וואַלד!

(עס ווערט פינצטער. דערשראָקענע פרויען אויסגעשרייען און מע־נער שטימען): רואיק, רואיק! ניט געלאָפן! אוי, כ׳פאַל! ניט אהער, לויפט רעכטס! פאַרזיכטיק, פאַרזיכטיק!

ע ל ס י איך רעד עס—עלסי! רואיק! העלפט איינער דעם צווייטן! מאָרגן פרי אין דער פּיקעט־ליין, ווי אָפּגערעדט. אַ גוטע נאַכט! רואיק!

(אַ קליינע פּאַוזע. פון לינקס באַווייזט זיך אַ שיין. עס לויפן באַלד אַן פּאָליציי און גענגסטערס, מיט לאַמטערנעס אין די הענט, רינגלען אַרום דעם שטיין, קוקן זיך אַרום.)

ט אַ ם (גיט אַ קלאַפּ מיט׳ן פוס אַן שטיין): גאָד־דעמיט! דאָ, דאַכט זיך, האָבן זיי באַדאַרפט זיין!

ש ע ר י ף: יאָ, דאָס איז דער פּלאַץ. (זוכט אויף דער ערד.) ניט אנדערש מען האָט זיי געוואָרנט און זיי זיינען זיך צולאָפן.

ט אַ ם: גאָד־דעמיט! אַפילו קיין איין הונט ניטאָ ווּעמען דעם קאָפּ צו צוברעכן!

1 טער גענגסטער: אומזיסט געלאָפן!

2 טער גענגסטער (ווייזט אויפ׳ן נייעם „בעדזש"): אפילו דעם „בעדזש" ניט באַנייט!

1 טער פּאָליציימאַן: איבערגעשלאָגן די קאַרטן־שפּיל.

2 טער פּאָליציימאַן: צום טייוול! אַזעלכע גוטע קאַרטן געהאַט — אַ „סטרעיט".

ש ע ר י ף (ווייזט עטליכע שטיקלאַך אויסגערויכערטע סיגאַרעטן): זיי זיינען דאָ ניט לאַנג צוריק געווען. די שטיקלאַך זיינען נאָך וואַרים. עס האָט זיי ווער געוואָרנט. (קוקט צום וואַלד) אפשר וואָלטן מיר אַ זוך געטאָן אין וואַלד?

1 טער גענגסטער: ווער וועט עס קריכן ביינאַכט אין וואַלד?

2 טער גענגסטער: זיי קאָנען נאָך אָנפאַנגען שיסן פון

הינטער די בוימער.

1טער פּאָליציימאַן: אונזער אַרבעט איז אַ בייטאַגיקע. מיר קריגן ניט באַצאָלט פאַר ביינאַכט.

2טער פּאָליציימאַן: אַ שאָד, איבערגעלאָזט אינמיטן. אַ „סטרעיט“ געהאַט! גאָד־דעמיט! אַזעלכע שמוציקע סטרייקערס. לאָזן דיך קיין מינוט ניט רוען.

טאָם: נעווערמאַינד. מיר׳ן זיך אָפּרעכענען מיט זיי מאָרגן אין דער פרי.

1טער גענגסטער (אָנווייזנדיק אויפ׳ן צווייטן): מיר האָבן אָפּגעמאַכט היינט דאָ צו פּאַקן אַ קוילן־גרעבעריקע און זי אין וואַלד צו פאַרשלעפּן.

2טער גענגסטער: פאַסקודנע פּרויען דאָ: אַ חוצ אַ קללה און אַ שפּיי אין פּנים קריגט מען פון זיי גאַרניט. מען מוז מיט גוואַלד זיי נעמען!

טאָם (לאַכט): ניט געזאָרגט, חברה! די קאָמפּאַני וועט אונז נאָך היינטיקע וואָך צושטעלן אַהער מיידלאַך!

שעריף (קוקט זיך איין אין דער פינצטערניש רעכטס): עי, יונגען, כ׳האָב אַט דאָרטן נאָר וואָס עפּעס אַ שאָטן געזען. ניט נאָר אַ קוק ווער שפּאַצירט עס אַרום?

(די גענגסטערס און פּאָליציי קוקן זיך איין, לויפן רעכטס. באַלד הערן זיך פון דאָרט קולות: „כאַפּט אים! כאַפּט אים! האַלט אים צו! שלעפּ אים, דעם פאַרפלוכטן רויטן צום פייער! דערלאַנג אים! דערלאַנג אים בעסער! אָט אַזוי! סטרייקן ווילט זיך דיר? אין די ציין! זאָל ער זיך ניט בריקען!“

1טער גענגסטער (שרייט): עי, טאָם, מיר האָבן אַ באַל־שעוויק געכאַפּט!

טאָם: שלעפּ אים אַהער!

שעריף: אַהער דעם הינטישן זון!

(די גענגסטערס און פּאָליציי פירן אַרויס מוירפי׳ן, אַ צוקנייטשטן, אַ צושלאָגענעם.)

מוירפי (שרייט): אידיאָטן, לאָזט מיך אָפּ!

טאם (צעלאכט זיך): לאזט אים אפ!
שעריף: דו ביסט עס גאר?
(מוירפי קוקט זיי בייז אָן. מאכט צורעכט זיינע קליידער.)

1טער פאליציימאן (ווייזט אויף מוירפי׳ן): ער איז דאָד פון דער יוניאָן. טאר מען אים קיין קלעפ ניט געבן?

2טער גענגסטער: אין אלע סטרייקס, וואו מיר אר־בעטן, שלאָגן מיר די יוניאָן־לייט.

טאם (לאכט): איר זענט פערד! נו, שטעלט זיך אויס אין רייען. ווי סאלדאטן. און מיר׳ן דורכגיין דאס שטעטל מיט א׳ געזאנג, צו ווייזן די גאט־פארדאמטע קוילן־גרעבער, אז מיר, פאטריאטן, שטייען אויף דער וואך! נו, פאנגט אן עפעס א׳ ליד. זינגט: „מאי קאנטרי״.
(אלע שטעלן זיך אויס אין רייען. יעדער איינער הייסט דעם צווייטן אנפאנגען און יענער ענטפערט, אז ער קען ניט. א פאר פאנגען אן ניט ריכטיק און רייסן זיך באלד אפ.)

2טער גענגסטער: מיר קענען ניט די ווערטער!

טאם: וואס פאר א שווארץ יאר! קיינער קען זיי ניט. דו, שע־ריף, מוזט זיי זיכער קענען.

שעריף: איך בין ניט קיין אפערא־זינגער!

1טער גענגסטער: איך קען „יענקי דודל״.

טאם: שים! זאל זיין „יענקי־דודל״!
(דער 1טער גענגסטער פאנגט אן צו זינגען, די איבעריקע כאפן אונטער, מארשירן ארויס, הויבנדיק די ביקסן און לאנטערנעס. מוירפי פארוויכערט, קוקט זיך ניט זיכער ארום און גייט זיי שנעל נאך. דאס געזאנג דערווייטערט זיך.)

פארהאנג.

פערטער אקט

זיבעטע בילד

ביל סטיווענס' הויז. פיר אַזייגער פאַרטאָג. דער דאַך איז אָפּגעריסן. אַ לעמפּל ברענט שוואַך אויפ'ן טיש. אַלע שלאָפן. ריטאַ קומט אַרויס פונ'ם שלאָפצימער. גייט אין קיך, מאַכט פייער, קומט צוריק, וועקט די שלאָפנ־דיקע.

ר י ט אַ : סטרייקערס, שטייט אויף! די פּיקעט־ליין וואַרט! (באַר־טעללאַ קערט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט) עס וועט דיר ניט העלפן, באַרטעללאַ, זאָלסט זיך אַפילו איבערקערן אויף דער דריי־טער זייט. שטיי אויף! די געגנסטערס בענקען זעהר שטאַרק נאָך דיר. בלעק, דיך, אַלס פּאַטריאָט, וויל זייער זען דער שליח פונ'ם גאָווערנאָר. ער האָט מיטגעבראַכט צוויי רעגימענטן סאָלדאַטן. דיך, מיקולין, דאַרף זייער דער שעריף: אַ פּאָר נייע הענט־קייטלאַך געקויפט פון דיינעט וועגן. (בויגט זיך איבער מעק־פּאַדענ'ען) מעק־פּאַדען, אַ פלעשעלע שנאַפּס!

מ ע ק פּ אַ ד ע ן (זעצט זיך אויף) : שנאַפּס? וואו?

ר י ט אַ : אויף דער פּיקעט־ליין. שטיי אויף! (גייט אין קיך. אַלע נעמען זיך אָנטאָן.)

מ י ק ו ל י ן (געניצט, צו ריטאַ'ן): וואָס פאַר־אַ טייערע נשמה דו ביסט! אַלעמען גאַנץ פרי אַזוי ברידערלאַך איינגעטיילט.

ר י ט אַ (פון קיך): רירט זיך, שנעלער. די קאַפי איז שוין פאַר־טיק. איך וואָרן אייך: זי איז שמוציק: די פּאָליציאַנטן באָדן אין טייכל זייערע פערד.

מ י ק ו ל י ן : זיי טוען עס אומישנע, די הינטישע זין, ווייל מיר מוזן טרינקען די וואַסער.

באַרטעללאַ: זיכער. איידער די קאָמפּאַני האָט אָפּגעשטעלט די וואַסער אין אונזערע הייזער האָבן זיי קיינמאָל די פערד ניט געבאָדן.

בלעק (קוקט אַרויף): מיר שלאָפן ווי אין דרויסן.

מעקפּאַדן: געצייגט נעכטן די שטערן ביז כ׳בין איינגע־שלאָפן. אָפּגעציילט ביז 6798, האָט זיך דער קאָפּ גענומען דרייען און כ׳בין איינגעשלאָפן. היינט וועל איך ווייטער ציילן.

בלעק: אויב מען וועט דיר נאָר היינט די אויגן ניט אונטערהאַקן.

ריטאַ (קומט אַרויין פון קיך, קוקט אַרויף): וואָס וועט זיין ווען די רעגנס וועלן קומען?

מיקולין: ביז דאַן וועלן אונזערע מאַראַקן פאַרטיק ווערן. וואָס מאַכט ביל׳ס פוס?

ריטאַ: ער איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן.

בלעק: כ׳האָב געהערט, ער איז געפאַלן אַנטלויפנדיק פון דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג? (ריטאַ שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ) וואָלסט אפשר דעם דאָקטאָר צוגערופן.

ריטאַ (לאַכט שפּאָטיש): מאַך זיך ניט נאַריש. ערשט נעכטן בין איך מיט רוט׳ן געוועזן ביי אים. האָט ער אַ קוק געטאָן דורכ׳ן פענצטער און אפילו די טיר ניט געעפנט.

באַרטעללאַ: אַזאַ דאָקטאָר דאַרף מען דערשטיקן.

ריטאַ: און דעם גלח מיט אים. גייט טרינקען קאַפּי. אויף וואַשן זיך איז קיין וואַסער ניטאָ. (מיקולין, באַרטעללאַ. בלעק גייען אין קיך. מעק־פּאַדן נעמט אַרויס פון אונטער׳ן קישן אַ פלעשל שנאַפּס, טרינקט אָפּ אַביסל, באַהאַלט עס אין קעשענע. ריטאַ, פון קיך) מעק־פּאַדן, די קאַפּי ווערט קאַלט.

מעקפּאַדן: אַ דאַנק, שוין געטרונקען.

(סטיווענס קומט אַרויס פון שלאָפצימער. דער רעכטער פוס איז פאַר־וויקלט. פאַל העלפט אים אַרונטערגיין די טרעפּ.)

עלסי (גייט נאָך): פּאַ, האָסט ניט באַדאַרפט פון בעט אַרונטער־גיין.

סטיווענס: עס מאַכט ניט. איך פיל שוין בעסער.

פ א ל: פארשטייסט דאך, פאטער, אז דו וועסט שוין היינט מיט אונז אויף דער פיקעט־ליין ניט גיין.

(סטיוועגס קערט אומצופרידן אָפּ דעם קאָפּ, זעצט זיך נעבן טיש.)

ר י ט א (פון קיך): קינדער, די קאַפי ווערט קאַלט! (עלסי, פאַל אָפּ אין קיך; זי קומט אַריין מיט אַ טאַסע קאַפי אין האַנט, שטעלט זי אַוועק פאַר׳ן מאַן) דו, ביל, וועסט היינט זיין מיט די קינדער אין הויז און איך וועל פארנעמען דיין פּלאַץ אין דער פיקעט־ליין.

(טוט אויס דעם פאַרטוך, טוט אָן איר רעקל.)

(אַלע קומען אַריין פון קיך. באַרטעללאַ גייט צו צו זיין בעטל, קוקט אויף לעניג׳ס בילד און שעפּטשעט אַ תפילה.)

מ י ק ו ל י ן (לאַכט): וואָס. האָסט גאָר פון לעניג׳ען אַ הייליקן געמאַכט?

ב א ר ט ע ל ל א (פאַרשעמט): ניין... איך... דאָס בעט איך אים פאַר מיין ווייב און קינד. (בויגט זיך צו, זאָגט שטילער) מעגסט לאַכן, דעם טאָג, וואָס כ׳בעט אים, האָב איך פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט. אפילו פאַר קיין קוילן־וואַרפער אויך ניט.

ס ט י ו ו ע נ ס (צו בלעק׳ן): צו וואָס האָסטו זיך אויסגעפּוצט אין דיינע מיליטערישע קליידער מיט אַלע אויסצייכענונגען?

ב ל ע ק (צענעמט אַן אַמעריקאַנער פאָן): איך וועל היינט גיין פאַראויס מיט מיין פאָר. איך האָב געקעמפט פאַר מיין לאַנד, פאַר דער גאַנצער וועלט! אונזערע געזעצן זיינען פאַר אַלעמען גלייך.

ס ט י ו ו ע נ ס (זיצט אַ ווײַלע מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. הויבט זיך אויף, לייגט אַרויף זיין האַנט אויף בלעק׳ס אַקסל): עס טוט מיר ווײ מיין האַרץ פאַר דיר, בלעק. איך בין אויך אַמאָל געווען פונקט אַזוי נאַאיוו ווי דו. זיי האָבן מיך אויסגעניכטערט, פאַר אַ שונא געמאַכט. עס וועט מיט דיר פּאַסירן דאָס זעלבע. נו, קינדער, גייט, עס ווערט שפּעט.

ר א ז י ט א (קומט האַסטיק אַריין מיט׳ן קינד אויף די הענט. שרייט אין דרויסן אַרויס): מאַניועל, קום אַריין! גלייך זאָלסטו אַריינקומען!

(ראָדריגעז קומט אַריין מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.)

ר י ט א (גייט צו): וואס איז געשען?

ר אָ ז י ט א: דאס קינד איז קראנק. אַ גאנצע נאכט געליגן אין היץ. מוז איך בלייבן מיט דעם אין דער היים, האט ער מורא אליין אויף דער פּיקעט־ליין צו גיין. (אלע שמייכלען.)

מ ע ק־פּ א ד ן (צו ראָדריגעצ'ן): קום, אינגעלע, קום, וועל איך דיר אַ שיינע צאַצקע קויפן.

ר אָ ז י ט א: דו, שיכור, פאַרמאַד דאָס מויל! ביסט פּונקט אזא פייגלינג ווי ער. אנדערש וואָלסטו זיך ניט אָנגע'שיכור'ט אלע טאָג, איידער דו גייסט אויף דער פּיקעט־ליין!

ע ל ס י (גייט צו צו ראָדריגעצ'ן): ווּעסטו גיין מיט מיר, ראָדרי־געץ, האנט אין האנט?

(ראָדריגעץ שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.)

ר י ט אַ (צו ראָזיטאַ'ן): מיינע צוויי ליגן אויבן קראנקע. אויב דו ווילסט, בלייב אין הויז און קוק צו אלע דריי. ביל קאָן אויך ניט גיין צוליב'ן קראנקן פוס.

ר אָ ז י ט א: גוט. (לאָזט זיך גיין צו די טרעפּ, גייט צוריק צום מאן): גערדענק'זשע, מאַניועל, אין די ערשטע רייען זאָלסטו גיין. פּונקט ווי ווען איך בין מיט דיר.

ר אָ ד ר י ג ע ץ: גוט, ראָזיטאַ, איך וועל ניט מורא האָבן. (ציט זיך צו איר)איין קוש גיב מיר איצט!

ר אָ ז י ט אַ (שטיפעריש): ניין. דערפאַר וועל איך דיר געבן צוויי ווען ווּעסט צוריקקומען!

ר אָ ד ר י ג ע ץ (וואַרפט איר אַ לופט־קוש. זי ענטפערט מיט אַ שמייכעל. גייט אין שלאָפצימער. וואַבלי קומט אַריין.)

ו ו א ב ל י (מונטער): גוט־מאָרגן, חברים! (אלע פאַרוואונדערט.)

(עלסי גייט אים אַנטקעגן. ער נעמט זי אָן פאַר'ן האַנט.)

פּ אָ ל: גייסט מיט אונז היינט, וואַבלי?

ס ט י ו ו ע נ ס (צו וואַבלי): דערנקסטו, אז ס'איז ראַטזאַם דיין ערשיינונג אויף דער פּיקעט־ליין, ווען זיי זוכן דיך אַרום?

ע ל ס י: אפשר וואָלסטו געבליבן אין הויז מיט'ן פּאָ?

ו ו א ב ל י (נעמט עלסי'ן אַרום, לאַכט): ניין, טייערע. היינט וועט

זיין אַ שווערע פּיקעטינג און איך וועל זיין מיט אייך. קומט!
(אַלע אָפּ. עלסי גיט אַ קוש דעם פאָטער, לויפט אַרויס.)

סטיווענס (פאַנגט אָן טרינקען זיין קאַפע. זאָגט אין ריכטונג פון שלאָפצימער): ראָזיטאַ, זיי אַזוי גוט, גיב מיר אַרונטער די צייטונג אויפ׳ן בעט. (גייט צו די טרעפּ, זי גיט אים די צייטונג פון אויבן. ער זעצט זיך, טרינקט און לעזט. ראָזיטאַ גייט מיט אַ גלאָז אין קיך. מען קלאַפּט אין טיר.)

ראָזיטאַ (בלייבט שטיין): אַריין!
(מעלאַן קומט אַריין. אויף דער לינקער האַנט אַ צייכן פונ׳ם רויטן קרייץ, אין דער רעכטער האַנט אַ קאַשיק מיט עסנוואַרג.)

מעלאַן (פאַרנייגט זיך): גוט מאָרגן, גוטע מענטשן! (שטעלט אַוועק דעם קאַשיק נעבן דער טיר) שוין אַ האַלבע שעה, אַז איך גיי פון הויז צו הויז און קאָן קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געפינען: אַלע אַוועק אויף דער פּיקעט־ליין. (זיפצט) אַזאַ אומגליק! (באַטראַכט דעם אַראָפּגעריסענעם דאַך.)

סטיווענס: פאַר וועמען אַן אומגליק — פאַר אונז אַ גליק.

ראָזיטאַ (שטיל, צו סטיווענס׳ן): מעג איך אים אַרויסוואַרפן?

סטיווענס: וואַרט אַ ווײַלע. (צו מעלאַנ׳ען) פיינע ווענטילאַציע אין אַרבייטער היימען, ניט אמת? ווען עס גייט אַ רעגן איז נאָך בעסער.

מעלאַן (באַטראַכט דעם צימער, זיפצט): שלעכטע צייטן, אומרואיקע. (מיט אַמאָל) אין וואָס פאַר׳אַ לאַנד זענט איר געבוירן?

סטיווענס (שמייכלט ביטער): אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר זיינען אַמעריקאַנער פון צוויי דורות. מיין זון איז געפאַלן אין דער וועלט־מלחמה, זעקס מיטגלידער פון אונזער משפּחה זיינען צעריסן, צעדריקט און דערשטיקט געוואָרן אין די קוילן־גריבער. אפשר אַ שלעכטער יחוס?

מעלאַן: אויב אַזוי, ווי׳זשע קומט עס, וואָס איר, אַן אמת׳ער אַמעריקאַנער, אַרבעט אין די קוילן־גריבער?

סטיווענס: וואָס איז דער אונטערשיד? כ׳בין געווען אַמאָל אַ פאַרמער. האָט איר די ערד מיט מיין פאָטער׳ס בלוט באַגאָסן און מיך פון איר פאַרטריבן.

מעלאַן: אַ שאַד, אָבער פאַרשטייט איר דען ניט, אַז אַפילו אַלס קוילן־גרעבער שטייט איר העכער פון אַט די אַלע אַרום.

סטיווענס (שפּאָטיש): העכער? (לאַכט) ליגן מיר ניט צו־זאַמען און גלייך טיף אין דער ערד? זויגט איר ווייניקער מיין בלוט? צאָלט איר מיר מער?

מעלאַן: זיי זיינען אָבער אויסלענדער, שמוציקע אויסלענדער!

סטיווענס: די אויסלענדער האָבן אויפגעבויט און רייך גע־מאַכט אונזער לאַנד. איר זענט אויך אַן אויסלענדער.

מעלאַן: די אַלטע אויסלענדער זיינען געווען „אַלרייט“, אָבער די יונגע זיינען אַממערסטן פאַרדאַמטע רויטע. זיי פאָלגן אַפילו ניט זייערע אייגענע יוניאַן־פירער, ווי ביי אונז איצט, צום ביי־שפּיל. זאָג, ווייסטו ווער עס שטייט הינטער אייער סטרייק?

סטיווענס: זיכער ווייס איך: אונזער נויט און גלויבן אין זיג.

מעלאַן: ניט אמת! די קאָמוניסטן, די „אי־על־די“ זיינען אין אַלץ שולדיק; זיי העצן עם אייך צו סטרייקס, צו אומרוען!

סטיווענס (סאַרקאַסטיש): אַזוי? האָבן די קאָמוניסטן אפשר אויך אונטערגעהעצט די קוילן־קאָמפּאַני צו שניידן אונזער גע־האַלט, פון די דירות אונז צו וואַרפן, אָפּשטעלן די וואַסער און גאַז, אַראָפּרייסן די דעכער, אַנשיקן אויף אונז ציווילע גענגסטערס און גענגסטערס אין בלויע אַנצוגן פון דער „קוילן און אייזן“ פּאָ־ליציי? האָבן דאָס אויך די קאָמוניסטן געטאָן?

מעלאַן: זיי קומען מיט פריינטלאַכע רייד, מיט גוטע עצות, זיי זיינען אָבער וועלף אונטער לעמערשע פעלן!

סטיווענס: אַט די אַלע רייד האָבן מיר שוין אַ סך מאָל געהערט פון אונזער שעריף און דער קאָמפּאַני'ס גענגסטער־פּאָט־ריאָטן. די „אי־על־די“ איז די איינציקע שוץ־אָרגאַניזאַציע, וואָס שטייט אונז ביי אין נויט: זי פאַרטיידיקט אונז אין אייערע לינטש־געריכטן געגן אַלע אייערע בלבולים און געמיינהייטן. ווען ניט זיי, וואָלטן מיר שוין לאַנג פון הונגער געשטאָרבן. אָדער גע־

מוזט זיך איבערגעבן אויף אייער גנאָד. אויב זיי זיינען שונאים, זיינט איר זיכער אונזערער א פריינט.

מ ע ל אָ ן: איך זע שוין, איר זענט א פאַרפירטער! (צו ראָזיטאַ'ן, אָנווייזנדיק אויף סטיווענס'ן) גוטע פרוי, פאַרוואָס לאָזט איר אים זיצן אין דער היים? צי ווייסט איר ניט, אַז אייער סטרייק רואינירט דאָס גאַנצע לאַנד?

ר אָ ז י ט אַ: פאַרוואָס דערציילט איר דאָס ניט די קוילן־באַראָנען?

ס ט י ו ו ע נ ס (לאַכט): כ'ווייס ניט, צי זענט איר אַן אידיאָט, צי האַלט איר אונז פאַר אידיאָטן?

מ ע ל אָ ן: ווי וואָגט איר מיך צו באַליידיקן? (ווייזט אויפ'ן קאַשיק) איך האָב אייך הילף געבראַכט.

ר אָ ז י ט אַ (שאַרף): ס'אַ ליגן! איר רייצט זיך בלויז מיט אונז, הונגעריקע! איר הייסט אונז צוערשט ווערן סקעבס, דערנאָך וועט איר העלפן!

ס ט י ו ו ע נ ס: איר זענט איין שמוציקע, געלע באַנדע!

ר אָ ז י ט אַ: אַרויס פון דאַנען! (לויפט אין קיך.)

מ ע ל אָ ן: איך וועל עס ניט פאַרשווייגן! (טרעט צוריק צו דער טיר) איך וועל אייך הייסן אַרעסטירן! איך וועל... (כאַפּט דעם קאַשיק. אַ בעזים פליט אויף אים פון קיך. ער לויפט שנעל אַרויס.)

ר אָ ז י ט אַ (יאָגט זיך נאָך אים, עפנט די טיר, שרייט אים נאָך): דעם קאָפּ וועל איך דיר צעפּלעטן, אויב דו וועסט זיך נאָך אַמאָל באַווייזן, דו געלער טכויר! (פאַרמאַכט די טיר, זאָגט צו סטיווענס'ן) דאָס בלוט יקאָכט אויף הערנדיק זייערע פאַרקויפטע רייד. (הויבט אויף דעם בעזים) וואָס פאַר־אַ שרעקלאַכע וועלט עס איז! (גייט אין קיך.)

ס ט י ו ו ע נ ס (נעמט זיך צו דער צייטונג): יאָ, ראָזיטאַ, אַ שרעקלאַכע וועלט. (לעזט. אַ פּאַוזע.)

ר אָ ז י ט אַ (שרייט פון קיך דערשראָקן): סטיווענס!

ס ט י ו ו ע נ ס: וואָס איז געשען?

ר אָ ז י ט אַ (לויפט אַריין פון קיך): דזשעקסאָן גייט אהער!

ס ט י ו ו ע נ ס (הויבט זיך אויף): ביסטו זיכער?

ר אָ ז י ט אַ (לויפט צו, קוקט אַרויס דורכ'ן פענצטער): ער איז שוין נעבן טיר! (דריקט צוזאַמען די פויסט) איך וואָלט אַ מעסער אין אים אַריינגעשטאָכן!

(מען קלאַפּט אין טיר.)

ס ט י ו ו ע נ ס (זעצט זיך): אַריין! (דזשעקסאָן קומט אַריין.)

ד ז ש ע ק ס אָ ן: גוט מאָרגן. (קוקט זיך שנעל אַרום, וואַרפט אַ בליק צום אָפענעם דאַך.)

ר אָ ז י ט אַ (פאָלגט נאָך זיין בליק, זאָגט סאַרקאַסטיש): זיי רואיק, דיין באַפעל האָט מען פּינקטלאַך דורכגעפירט. אַ דאַנק פאַר דער פרישער לופט. (מיט כעס) וואַרט, מיר'ן דיר נאָך דעם קאָפּ אַרונטעררייסן!

ד ז ש ע ק ס אָ ן (שטרענג און רואיק): גיי אַרויס; כ'בין געקומען ריידן מיט ביל'ן.

ר אָ ז י ט אַ (קוקט צו ביל'ן. ער ווייזט איר אַרויסצוגיין. זי ישוב'ט זיך): ער קאָן דיך נאָך דערשיסן, דער מערדער!

ס ט י ו ו ע נ ס: זיי רואיק. אַנדערע טוען עס פאַר אים.

(ראָזיטאַ אָפּ אין קיך.)

ד ז ש ע ק ס אָ ן (גייט איבער דעם צימער, פאַררויכערט, בלייבט שטיין פון וויטנס, קוקט אויף סטיווענס'ן): כ'ווייס, ביל, מיין קומען איצט צו דיר איז אַ נאַרישער, דאַך האָב איך זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן. איצט שטייען מיר אין צוויי פיינטלאַכע לאַגערן, אָבער מיט 10 יאָר צוריק זיינען מיר ביידע געווען אָרגאַניזאַטאָרס אין דער קוילן־גרעבער יוניאָן. דו האָסט געדינט טריי די אַרבעטער־אינטערעסן און ביסט פון די אייגענע פירער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן צוריק אין די שאַכטן. איך האָב געטאָן פונקט קאַפּויר און... אָט — ביסטו געבליבן אַ הונגעריקער אַרבעטער און איך — אַ מאַין־פאַרוואַלטער ביי דער גרעסטער קוילן־קאָמפּאַני פון לאַנד.

ס ט י ו ו ע נ ס: כ'ווייס עס, צוליב וואָס דערציילסטו עס מיר?

ד ז ש ע ק ס אָ ן: ווייל אין יענער צייט האָסטו איינמאָל מיך פון

טויט געראַטעוועט און מיט דיין אייגן לעבן שיר ניט באַצאָלט. און אַט דער חוב האָט מיך איצט געבראַכט צו דיר.

סטיווענס: הער, דזשעקסאָן, איך קען דאַך דיך גוט. זאָג אָפן, נאָך וואָס ביסטו געקומען? דו ביסט ניט פון יענע, וואָס געדענקען טובות. איז עס עפּעס אַ נייער גאַנג, אַ פרישע צוגע־טראַכטע נידערטרעכטיקייט?

דזשעקסאָן: כ'האָב עס פריער געוואוסט. (לאַכט, ווייזט אויפ'ן קאָפּ) אַט דאָ האָט זיך נאָך פאַרוואַלגערט איין פּיצל נאַ־רישער געוויסן בלויז אין באַצוג צו דיר. ווילסטו עס אויך ניט אַנערקענען.

סטיווענס: אויב ס'איז אמת, פאַרוואָס האָסטו אַזוי גרויזאַם געהאַנדלט קעגן אונז?

דזשעקסאָן: קאַמף איז קאַמף! און ווער עס האַנדלט אין קאַמף צווייידייטיק ווערט שטענדיק באַזיגט. דערצו בין איך שול־דיק בלויז דיר, ווייטער קיינעם ניט!

סטיווענס: וואָס'זשע ווילסטו?

דזשעקסאָן: הער, איך בין דיר איצט געקומען פאָרלייגן אַ זאַך, גוט ווויסנדיק, אַז דו וועסט מיך אויסלאַכן.

סטיווענס: טאָ לייג'זשע בעסער ניט פאָר.

דזשעקסאָן: דאָן האָב איך אינגאַנצן ניט באַדאַרפט קומען אהער. אָבער כ'מוז עס סיי־ווי טאָן צוליב מיר אַליין. ביל, כ'האָב איצט געגנוג מאַכט און געלט דיך אַרויסצונעמען פון דאַנען מיט דיין גאַנצער פאַמיליע און דיר געבן אַ גוטע שטעלע ערגעץ־וואו אַנדערש. דיינע קינדער זאָלן ניט דאַרפן שטיין אין דער שורה וואַרטנדיק אויף אַ ביסל פּאַסקודנעם זופּ פון די לויזיקע קאָמוּ־ניסטישע הילף־אָרגאַניזאַציעס. גענוג געפּוילט אין די קוילן־גראָ־בענס. זאָלן שוין אַנדערע זיך אָפּפּערן! זאָלן... (בלייבט שטיל.)

סטיווענס (לאַכט): דו מאַכסט זיך נאַריש, דזשעקסאָן. —

דזשעקסאָן (בייסט אָפּ און וואַרפט נערוועז אַוועק אַ שטיקל סי־גאַר): זאָג, גלויבסטו נאָך אַלץ ניט, אַז דאָס לעבן איז אַ ריזיקע קאַריטע און מענטשן זיינען ניט מער ווי אַ סטאַדע חזירים,

וועלכע רייסן זיך פאַר אַ בעסערן פּלאַץ, פאַר אַ פעטערן ביסן?
סטיוועגס: וואָס פאַר־אַ חזיר'שער בליק אויפ'ן לעבן?
דזשעקסאָן: כ'גיב צו — אַ חזיר'שער בליק, אָבער אַ ריכטיקער. אַט נעם אונזער גאַנצע געזעלשאַפט פונ'ם קאָפּ ביז די פּיאַטעס. נעם אַלעמען. שטעל זיך פאַר קיינעם ניט אָפּ! נעם אונזערע רעגירער, שרייבער, גייסטלאַכע, ריכטער, יוניאָן־פירער. וואָס זעסטו, דו גרויסער נאַר? נאַבלקייט? אָפּפערווויליקייט? ערלאַכקייט? (לאַכט) אַט נעם דיין אייגענע יוניאָן, קוק אויפ־מערקזאַם דורך דעם צעטל פון אייערע העכערע באַאַמטע פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. איך קען זיי אַלעמען גוט. אַלע געלעבט און געשטאָרבן רייכע לייט, אַנגעזעענע פּאָליטישע טוער אין „אונזערע" פּאַרטייען. זיי האָבן אויך אייך געפירט אין „אונזער" גייסט, ניט אין אייערן. אמת, מיר האָבן געצאָלט פאַר דעם און גוט געצאָלט, עס האָט זיך אָבער געלוינט. איר ווייסט בלויז וועגן איינעם, וועלכער האָט אַ חוץ זיין 10,000 דאָלאַרדיקן געהאַלט פון אייך נאָך געקראָגן יערלאַך 25,000 דאָלאַר פון אַ געוויסער קוילן קאָמפּאַני. אָבער פון וויפיל ווייסט איר ניט? דאָס זיינען די גרויסע. און וועגן אַזעלכע קליינע פישלאַך ווי... מוירפי איז שוין אָפּגערעדט. נו, און ווייניק „סטול־פּידזשענס" האָסטו צווי־שען דיינע אייגענע קוילן־גרעבער?
סטיוועגס: ווער, צ'יים ביישפּיל?
דזשעקסאָן (לאַכט): נאָכ'ן סטרייק וועל איך דיר געבן אַלע זייערע נעמען. גלויב מיר, כ'וויים דיין און וואַבלי'ס יעדן שפּאָן. ווען ניט די געשיקטקייט פון דיין פּאַל, וואָלטן אונזערע „פּאַט־ריאָטן" געוועזן אייך נאָך נעכטן די ביינער גוט אָנגעבראָכן.
סטיוועגס (איראָניש): אייערע פּאַטריאָטן!
דזשעקסאָן: יאָ, אונזערע. דאָס איז דער טיפּ פּאַטריאָט, וואָס הערשט איצט ביי אונז אין לאַנד. דער פּאַטריאָט פון דער מאַשינען עפּאָכע. (גיט זיך אַ שטעל פּאָראויס) זאָג, ביל, וואָס האַלט דיך צוגעבונדן צו די קוילן־גריבער, צו דיין אָרימקייט?
סטיוועגס: אויך פּאַטריאָטיזם, אָבער אַ ביסל אַן אַנדערער.

איך האָב ליב די גאַנצע וועלט, אָבער בעסער האָב איך ליב מיין לאַנד, מיין אַמעריקע, ניט וועלנדיק זי זאָל זיין „איבער אַלץ“, ווי איר שרייט. איך וויל זי זאָל זען אַ שיינע, אַ גייסטיק־רייכע, אונ־זער פאָן זאָל זיין די עמבלעם פון פרייהייט און גערעכטיקייט. און וואָס האָט איר געמאַכט פון מיין פריי לאַנד, פון מיין שיינער פאָן? און אָט דאָ אויף די קוילן־פעלדער, קעמפנדיק מיט אונ־זערע שונאים פאַר אַ בעסערן לעבן, קעמף איך אויך אויס אַ בעסערע, אַ שענערע אַמעריקע!

ד ז ש ע ק ס אָ ן (נאָך אַ פּאַוזע): טרוימען...

ס ט י ו ו ע נ ס: וועלכע וועלן מעגלאַך פאַרווירקלאַכט ווערן אין לעבן פיל גיכער ווי דו און דיין גלייכן דענקט.

ד ז ש ע ק ס אָ ן (לאַכט): עס וועלן נאָך גענוג וואַסערן איבער־לויפן. קיין וועלט קאָן מען ניט פאַרזאָרגן. איצט הער: (שטייף) פון היינט אָן פאַנגען מיר אָן גאָר אַנדערש צו קעמפן מיט אייך. אין אַ וואָך צייט, העכסטנס צוויי, גייט איר צוריק אַרבעטן.

ס ט י ו ו ע נ ס (קוקט זיך איין אין אים): אויף אונזערע באַ־דינגונגען?

ד ז ש ע ק ס אָ ן (שפּאָטיש): איינגאַנצן אָן באַדינגונגען!

ס ט י ו ו ע נ ס (שטעלט זיך אויף): עס וועט ניט זיין!

(פון וויטנס הערן זיך עטלאַכע שאָס און אַ טומל.)

ד ז ש ע ק ס אָ ן (ווייזט אין ריכטונג פונ'ם טומל): אָט אַזוי וועלן מיר פון היינט אָן קעמפן מיט אייך!

ר אָ ז י ט אַ (לויפט אַריין פון קיך): ביל, מען שיסט. עפּעס אַן אומגליק האָט פּאַסירט! (כאַפּט פון טיש אַ מעסער, וואַרפט זיך צו דזשעקסאָנ'ען) מערדער!

ד ז ש ע ק ס אָ ן (כאַפּט אַרויס אַ רעוואָלווער. שמייכלט.)

ס ט י ו ו ע נ ס (ציט זי צוריק): פאַרשמיר דיר ניט דיינע הענט! (ווייזט אָן דזשעקסאָנ'ען אויף דער טיר) גיי!

(דזשעקסאָן גייט שנעל אַרויס. די קולות דערנעענטערן זיך. ביידע לויפן צו די פענצטער, קוקן אַרויס. עס ווערט שטיל.)

ס ט י ו ו ע נ ס: עס איז שטיל געוואָרן.

ר אָ ז י ט אַ: יאָ, שטיל. אַט וועל איך אַ קוק טאָן דורכ'ן אויבערשטן פענצטער. (לויפט אין שלאָפצימער. באַלד הערט זיך איר געשריי) ביל, אונזערע קומען צעבלוטיקטע. עטלאַכע טראָגט מען! עלסי!... עלסי!... (לויפט אַראָפּ, עפנט די טיר.)

(אין דרויסן הערן זיך שטימען. פּאָל און מיקולין טראָגן אַריין עלסי'ן אויף די הענט. נאָך זיי קומט ריטאַ, מעק־פּאדן און באַרטעללאַ, וועלכער האַלט צו די באַק מיט אַ פאַרבלוטיקטן טיכל.)

ס ט י ו ו ע נ ס (לויפט אַנטקעגן, כאַפּט אָן עלסי'ס האַנט, קוקט איר אין פּנים אַריין.)

פּ אָ ל: קיין געפאַר, פּאַ.

מ י ק ו ל י ן: זיי האָבן אויף אונז פון מאַשין־ביקסן געשאָסן!

מ ע ק־פּ א ד ן: נאָך איידער מיר זיינען אַפילו צוגעקומען צו זיי.

ב אַ ר ט ע ל ל אַ: לייגט עלסי'ן אויף מיין בעט, אונטער לעגינאַ. (מען לייגט זי אַוועק.)

ר י ט אַ: פּאָל, אַביסל וואַסער! (פּאָל לויפט אין קיך, ברענגט אַ שיסל מיט וואַסער און אַ האַנט־טוך. זי וואַשט עלסי'ן דעם פּנים, רעדט) מערדערס! מיר האָבן זי קוים אַרויסגעריסן פון זייערע הענט! (נעמט אַראָפּ דאָס קייטל פון עלסי'ס האַנט, וואַרפט עס אויפ'ן דיל. עלסי קומט צו זיך, גיט אַ קרעכץ.)

ר אָ ז י ט אַ (קוקט זיך איין אין ריטאַ'ס האַלז): זע, בלוט. דיין האַלז איז צעהאַקט!

ר י ט אַ: מעגלאַך. ס'איז גאָרניט. דו וואַש בעסער אָרום באַרטעללאַ'ן, דער שעריף האָט אים די באַק דורכגעשאָסן.

ר אָ ז י ט אַ (נעמט אַיין דעם האַנט־טוך, גייט צו באַרטעללאַ'ן, וועלכער זיצט ביים טיש, אונטערהאַלטנדיק די פאַרוואונדעטע באַק מיט דער האַנט): לאָז, וועל איך דיר די באַק אַרומוואַשן.

ב אַ ר ט ע ל ל אַ: ס'אַלרייט, בלויז אַ שטיקל אָפּגעשאָסן. (זי וואַשט אים די באַק.)

ס ט י ו ו ע נ ס: וואו איז וואַבלי?

מ י ק ו ל י ן: ווער ווייסט? כ'האָב אים, דאַכט זיך, געזען זיך קייקלען מיט אַ פּאָליציימאַן אויף דער ערד.

מ ע ק־פּ א ד ן: מעגלאַך, מען האָט אים אַרעסטירט.

פ אָ ל (שטייט די גאַנצע צייט ביים פענצטער מיט'ן קאָפּ צוגעדריקט צו דער שויב, דרייט זיך מיט אַמאָל אוים, זאָגט דורך טרערן): פּאָ, ווערסטו אונז נאָך איצט אויך זיך הייסן האַלטן רואיק? זיך ניט אַנטקעגן שטעלן? איצט, נאָך זעקס טויטע?

ס ט י ו ו ע נ ס: וואָס? זעקס טויטע?

מ י ק ו ל י ן: יאָ, ביל, זעקס טויטע און אַ פּאָר צענדליק פאַרוואונדעטע.

מ ע ק ־ פ א ד ז: פון מאַשין־ביקסן געשאָסן... דערנאָך זיך ערשט אַרויפגעוואָרפן אויף אונז מיט די פערד און קלאָבס.

ס ט י ו ו ע נ ס: ווער זיינען די טויטע?

מ י ק ו ל י ן: דער שוואַרצער דזשאָנסאָן, גרעי, מאַרטינעץ, דער טשעך פאַזיקאַ, קאָזלאָווסקי און... (דרייט לאַנגזאַם אוים דעם קאָפּ צו ראָזיטאַ'ן. אַלע דרייען צו איר אוים די קעפּ.)

ר אָ ז י ט א (קוקט אַלעמען אָן דערשראָקן. דער האַנט־טוך פאַלט אַרוים פון אירע הענט, זאָגט שטיל): כ'האָב גאָר פאַרגעסן... וואו איז ראָדריגעץ? האָט ווער געזען מיין מעניועל? (אַלע קערן אָפּ די קעפּ. זי גיט אַ היסטערישן אויסגעשריי. עלסי זעצט זיך אויף, ראָזיטאַ וואַרפט זיך אויף די קני פאַר איר) עלסי, וואו איז ראָדריגעץ?

ע ל ס י (כאַפּט אָן ראָזיטאַ'ס קאָפּ מיטביידע הענט, קוקט איר גלייך אין פּנים אַריין, רעדט דורך טרערן): ניטאָ מער ראָדריגעץ! זיי האָבן אים דערשאָסן! ווי אַ העלד איז ער מיט מיר פאָראויס געגאַנגען... איך האָב זיך איבער אים אַריבערגעבויגן, האָט ער מיך געבעטן דיר זאָגן, אַז ער האָט שוין מער קיין מורא ניט...

ר אָ ז י ט א (הויבט זיך אויף, רעדט ווי צו זיך אַליין): איין קוש האָט ער געבעטן... דעם לעצטן קוש... האָב איך אים אָנטזאָגט...

(שרייט ווילד, לויפט אַרוים. אַ קליינע פּויזע. בלעק קומט אַריין אַ צעשלאָגענער. איין אַרבל פון זיין מיליטערישן רעקל איז אָפּגעריסן. גייט לאַנגזאַם צו זיין בעטל, קוקט זיך איין אין פּורשינג'ס בילד אויפ'ן וואַנט, נעמט עס פּאַוואָליע אַראָפּ, צערייסט עס און וואַרפט אַוועק די שטיקלאַך. נעמט אַראָפּ די מעדאַלן פון דער ברוסט, גיט אַ בליק אויף זיי, וואַרפט זיי אויפ'ן בעטל. זאָגט שטיל): אונזער פאָן האָבן זיי מיט קוילן דורכגעלעכערט און זי מיט די פיס צע־

טראָטן... (נעמט אַרויס אַ צעריסן שטיקל פּאַן, זעצט זיך, פאַרגראָבט דעם קאָפּ צווישןביידע הענט.)

מ י ק ו ל י ן: וואָס איז דיין פּאַן געגן אונזערע קרבנות?!

ס ט י ו ו ע נ ס: בלעק, דאָס איז ניט אונזער פּאַן געווען. אונ־זערע איז געטונקען אין בלוט פון די געפאַלענע. אונזערע איז רויט! (נעמט פון באַרטעללאָ'ס האַנט זיין פאַרבלוטיקט טיכל) אַט דאָס איז פון היינט אָן אונזער פּאַן!

מ י ק ו ל י ן: דאָס נייע רוסלאַנד פאַרמאָגט שוין צען יאָר אַזאַ פאָן.

ע ל ס י (קוקט אָנגעשטרענגט פאַר זיך): זעקס... זעקס... דערשאָ־סענע... (פאַרגראָבט דעם קאָפּ צווישן די הענט.)

ר י ט אַ: זיי שוועבן פאַר די אויגן. (אַ פּויזע.)

מ ע ק־פ א ד ן: און וואָס וועט איצט ווייטער זיין?

פּ אָ ל: וואָס ווייטער, פּאַטער?

ב ל ע ק: מען וועט מוזן צונעמען זייערע קוילן־וואָרפערס און זיי אַליין אַ פּאָר מאָל אויסלייגן. פונקט ווי זיי האָבן עס היינט מיט אונז געטאָן.

ע ל ס י: וועט עס העלפן אונזער קאַמף?

ס ט י ו ו ע נ ס: ניין, עס וועט אים טויטן. זיי וועלן סיי־ווי דער־קלערן איצט קריגס־צושטאַנד און אַנטרייבן אַהער מיליטער. אונ־זער איינציק געווער איז ניט צו אַרבעטן. מאָרגן פרי וועלן מיר ווידער אַרויס אויף דער פּיקעט־ליין און אַרונטערנעמען די איי־בערגעבליבענע צוויי שאַכטן. דאָס וועט זיין דער ווירקזאַמסטער ענטפער.

ע ל ס י: ביסט גערעכט, פּאַטער. מיר'ן מאָרגן ווידער גיין.

מ י ק ו ל י ן: ס'איז שווער, אָבער מיר מוזן עס טאָן.

(אין דרויסן הערן זיך שווערע, מאַרשירנדע טריט און דאָס געזאַנג פון „יענקי־דודל".)

ר י ט אַ (שפּרינגט אויף—): ווידער די מערדער?!

פּ אָ ל (לויפט צום פענצטער): פּאַטער, זיי גייען אַהער! (כאַפּט

אַרויס אַ רעוואָלווער פון קעשענע) זעקס וועל איך אוועקלייגן! זעקס פאַר זעקס!

ב ל ע ק (שטעלט זיך אויף, לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע): איך בין מיט דיר, פאָל.

ס ט י ו ו ע נ ס (הויבט זיך אויף, זאָגט שטרענג): פאָל, גיב אהער דעם רעוואָלווער, גיך! (אַ פּאַוזע. פאָל קעמפט מיט זיך.)

ב ל ע ק (מיט ציטערניש): מען קאָן דאָך שטענדיק ניט שווייגן!

ס ט י ו ו ע נ ס (שאַרף): אַ קעמפער מוז אַלץ קאָנען! פאָל! (שטרעקט אויס די האַנט) דעם רעוואָלווער!

ר י ט אַ: זון, פאָלג דיין פאָטער. צי טוט עס אים ווייניקער ווי ווי דיר? מען מוז זיך אָבער קאָנען קאָנטראָלירן, אויב מען וויל געווינען.

(פאָל גייט צו מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גיט איבער דעם פאָטער דעם רעוואָלווער, וועלכער באַהאַלט אים ביי זיך אין קעשענע. די טיר עפנט זיך מיט אַ קלאַפּ. עס קומען אַריין: דער שעריף, טאָם, גענגס־טערס און פּאָליציי.)

ש ע ר י ף: דאָ וואוינט ביל סטיווענס?

ר י ט אַ (רואיק): ביסט בלינד געוואָרן, דו אַלטער הונט, זינט דו האָסט זיך פאַרקויפט צו דער קאָמפּאַני!

ש ע ר י ף: פאַרמאַך דאָס מויל!

ר י ט אַ: איך שפּיי אויף דיר און אויף דיין גאַנצער שמוציקער באַנדע!

ט אָ ם: לאָז מיך נאָר, שעריף, וועל איך דער אַלטער שקאַפּע דעם מויל פאַרשטאָפּן! (לאָזט זיך פאַראויס.)

(בלעק, סטיווענס, באַרטעללאָ, פאָל גיבן זיך אַ בויג אין דער ריכ־טונג פון טאָם׳ען, זייערע בליקן געשפּיצט אויף זיין פּנים, די הענט און פויסטן געבויילט.)

ע ל ס י (פאַרצאַמט טאָם׳ען דעם וועג): צוריק, גאָרילאַ!

ט אָ ם (כאַפּט אַרויס אַ רעוואָלווער, טרעט צוריק): וואַרט, איך וועל זיך נאָך אָפּרעכענען מיט אייך!

ש ע ר י ף: ביל סטיווענס, אין נאָמען פון געזעץ לאָז איך דיר וויסן, אַז דו מוזסט גלייך פאַרלאָזן דאָס הויז. (אַלע קוקן זיך איבער.)

ס ט י ו ו ע נ ס: דער געריכט האָט אונז דערלויבט צו פאַר־בלייבן דאָ נאָך אַ מאָנאַט, ביז אונזערע באַראַקן וועלן פאַרטיק ווערן.

ט א ם (לאַכט): דער געריכט... מיר שפּייען אויפ׳ן געריכט! אונ־זער קאָמפּאַני וויל אייך דאָ מער ניט און אַ סוף!

ס ט י ו ו ע נ ס (צום שעריף, סאַרקאַסטיש): וואָס שווייגסטו? אַ געגנסטער באַליידיקט דעם געריכט. פאַרוואָס אַרעסטירסטו אים ניט גלייך?

ש ע ר י ף: ניט דיין זאַך! פאַרנעם גלייך דיינע שמאַטעס און פאַרלאָז די הויז!

מ ע ק־פ א ד ן: צוויי קינדער ליגן קראַנק. ווי קאָן מען זיי האַלטן אין גאַס? איר זייט דאָך מענטשן, פּגר׳ן זאָלט איר!

ר י ט א: ערגער פון חיות זיינען זיי. קום, פּאַל, וועסטו מיר העלפן פאַרטיק מאַכן די קינדער. (ביידע אָפּ.)

1 ט ע ר ג ע נ ג ס ט ע ר: גייט אַרבעטן, וועט מען אייך ניט אַרויסוואַרפן פון די הייזער.

מ י ק ו ל י ן: אויב מיר׳ן גיין אַרבעטן, צו וואָס׳זשע פאַר אַ שוואַרץ יאָר וועט מען אייך דאָ דאַרפן? צי איר וועט אפשר בלייבן אַרבעטן אין די גרובנס?

(די געגנסטערס שיסן אַרויס מיט אַ געלעכטער.)

2 ט ע ר ג ע נ ג ס ט ע ר: דאָס איז גוט פון אייערט וועגן.

1 ט ע ר פּ אָ ל י צ י י מ אַ ן: וואָס זיינען מיר, אידיאָטן?

2 ט ע ר פּ אָ ל י צ י י מ אַ ן: איר אַרבעט און מיר׳ן אייך היטן!

ש ע ר י ף: נו, חברה, שלעפּט די זאַכן!

(די געגנסטערס און פּאָליציי פאַנגען אָן אַרויסצוטראָגן די זאַכן, זיך איבערערעדנדיק און לאַכנדיק: „זע נאָר אַ שטיקעלע מעבל! עס צע־קריכט זיך אונטער די הענט! ווי געפעלט דיר אָט דער טיש מיט די בענקלאַך? בעטלאַך ווי אין אַ שפּיטאָל. אַ מיליאָנערסקע אויסשטאַטונג.)

(סטיוווענס, באַרטעללאַ, עלסי, בלעק, מעק־פאַדן שטייען ביי דער וואַנט. ווער עס רויכערט, קוקנדיק אָן אַ זייט, ווער עס קוקט אויף די געסט מיט פינצטערע בליקן. באַרטעללאָ גייט צו, נעמט אַראָפּ לעניג׳ס בילד

פון איבער זיין און מיקולינ'ס בעטל, ליגט עס פאַרזיכטיק צוגנויף און באַהאַלט עס אין קעשענע. פאַל טראָגט אַראָפּ נעד'ן און רוט. נאָך אים קומט ריטאַ, האַלטנדיק ראַזוטאַ'ס קינד. בלעק גייט צו, נעמט איבער נעד'ן.)

נ ע ד (קוקט אַן דערשראָקן די גענגסטערס און פּאָליציי): זע, פּאַפּאַ, די געלע הינט זיינען דאָ! כ'האָב מורא!

ר ו ט: געלע הינט... (וויינט) כ'האָב מורא... (די גענגסטער און פּאָ־ליציי קוקן זיך איבער.)

ש ע ר י ף: עס וואַקסן שוין אויס שלעגלאָד.

ר י ט אַ: אויף אייערע מערדערישע קעפּ!

ש ע ר י ף (בייז): און איצט טרייבט זיי ארויס פון דאַנען! מיט די ביקסן! זיי האָבן דאָ מער ניט וואָס צו טאָן!

(די גענגסטערס מיט דער פּאָליציי דערנענטערן זיך צו אַלעמען מיט די ביקסן און רעוואָלווערן. באַפעלן: „קריכט אַרויס פון דאַנען! ניטאָ דאָ וואָס צו שטיין! אייער רייכטום וואַרט שוין אויף אייך אין אייער נייער וואוינונג!“

ש ע ר י ף (צו ריטאַ'ן): האָסט פאַרגעסן די הייליקע מוטער אין ווינקל. קאָנסט זי נעמען מיט זיך.

ר י ט אַ: מיר האָבן קיין ווינקלען ניט מער פאַר איר. און אויב זי האָט אייך ניט געטויטעט דאָ אויפ'ן אָרט, קאָן זי בלייבן ביי אייך!

ט א ם: אַזעלכע גאָט־לעסטערערס! פאַר דעם אַליין קומט זיי דער טויט!

(ווען אַלע זיינען שוין אַרויסגעשטויסן פון הויז, פאַרשליסט דער שעריף די טיר. עס הערט זיך זיין שטימע: „איצט פאַרהאַקט די טיר, זיי זאָלן ניט אַריינקריכן צוריק!“ עס הערט זיך ווי מען פאַרהאַקט די טיר, דערנאָך קלאַנגען פון „יענקי־דודל“ און עס ווערט שטיל, אַ פּאַוזע. פון קיך הערט זיך ווי מען רייסט אויף די טיר. גרין ערשיינט אין טיר פון קיך, קוקט זיך אַרום, הערט זיך צו, גייט איבער דעם צימער, בלייבט שטיין אין מיטן. זיין פּנים קרימט זיך מיט אַמאָל אויס, ער פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויף צוריק און צעוויינט זיך, פאַר־צווייפלט. אַ פּאַוזע.)

פ אָ ר ה אַ נ ג.

פינפטער אקט

אכטע בילד

אַ פיר־עקיקער, פון ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּטער באַראַק, וואו די פאַמיליע סטיוועגס געפינט זיך. די טיר אין דער מיטלסטער וואַנט, צוויי קליינע פענצטער פוןביידע זייטן. אין מיטן שטוב אַן אייזערנער אויוון, אַ טיש און אַרום די פּאָר אַלטע שטולן און בענק. אין רעכטן ווינקל אַ ברייט בעט, צוויי קינדער בעטלאַך נעבן דעם. אַרום די ווענט זיבן בעט־לאַך, אייניקע פון זיי ליוונטענע. איבער איינעם פון די בעטלאַך, רעכטס, איז צוגענאגלט לעניג׳ס בילד. קריסטמעס נאַכט, אַרום ניין אין אָוונט. אין דרויסן ברענט אַ פראָסט און די פענצטער זיינען פאַרצויגן מיט שניי. דער אויוון ברענט. אויפ׳ן טיש אַ לאָמפּ. באַרטעללאָ זיצט ביים טיש און שרייבט שווער און לאַנגזאַם אַ בריוו. אַנטקעגן אים — ריטאַ. זי מאַכט צורעכט אַ העמד. אויפ׳ן טיש פאַר איר אַ פּאַק מיט וועש. ראָזיטאַ זיצט אויף אַ בעטל לינקס און גיט דעם קינד צו זויגען. רוט און נעד ליגן מיט די בייכלאַך אַראָפּ אויף אַ בעטל רעכטס און קוקן זיך איין אין צייטונגס־בילדער. מעק־פאַדן מיט אַ מעסער און שמאַטקע אין די הענט שטייט נעבן דער וואַנט און באַמיט זיך צו פאַרשטאָפּן די שפּאַרעס. ער רויכערט זיין ליולקע. אַלע טראָגן זייערע מאַנטלען.

מעק־פאַדן (נעמט ארויס די פּיפּקע, שפּייט אויס): זאָל עס גיין צום טייוול! גיי פאַרשטאָפּ דעם ווינט דאָס מויל, אז דער גאַנצער באַראַק איז צוזאַמענגעשטעלט בלויז פון שפּאַרעס און לעכער.

ריטאַ: אומזיסט, אַלטער. דיין אַרבעט האָט פּונקט די זעלבע ווערט, ווי די הילף, וואָס אונזער יוניאָן גיט אונז אַרויס.

מעק־פאַדן (זעצט זיך אויף אַ נידעריקן בענקל נעבן אויוון, פאַר־רויכערט די פּיפּקע): זאָלן זיי זיך ווארגן מיט זייער הילף. אונ־זערע פעט־געוואָרענע פירער. זיצן איצט אין פלאָרידע און שפּילן פּאָליטיק מיט די רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן. נעכטן אין צייט־טונג געלעזן.

ר י ט אַ (זיפצט): ווען כ'זאָל נאָר די קינדער קאָנען קויפן שיכ־לאַד, זיי זאָלן ניט דאַרפן גאַנצע טעג זיצן אין הויז. זיי זיינען געל ווי וואַקס. כ'האָב געדענקט צוריקשיקן עלסי'ן אין דער זאַקן־פאַבריק. ווי ווייניק, וואָלט זי דאָך אַריינגעבראַכט זעקס, זיבן דאָלאַר אַ וואָך — לאָזן זי די סטרייקערס ניט אָפּ.

ר אָ ז י ט אַ: זי איז אַ טייוול.

ב אַ ר ט ע ל ל אַ: אַ גוטע מיידל, עלסי, אַ הייליקע. אַן איר פאַר־שפילן מיר דעם סטרייק. (שרייבט ווידער.)

מ ע ק־פ א ד ן: וואַבלי האָט געקראָגן אַ בריוו, אַז עס גייט אַז זייער אַן ערפאָלגרייכע באַוועגונג צווישן די אַרבעטער איבער'ן גאַנצן לאַנד אונז צו העלפן.

ר י ט אַ: די מערדער זאָלן נאָר אונז דאָ פריער ניט אויספרירן אָדער אויסשיסן ביז די הילף וועט קומען. (מעק־פאַדן שיט אין אויוועלע אַביסל קוילן) זיי פאַרזיכטיק מיט די קוילן.

מ ע ק־פ א ד ן: מיקולין וועט ברענגען אַנדערע.

ר אָ ז י ט אַ (אומרואיק): מען זאָל אים נאָר ניט כאַפּן.

מ ע ק־פ א ד ן: ער איז ניט פון יענע, וועלכע לאָזן זיך אַזוי לייכט כאַפּן. (לאַכט.) אָבער דו, ראָזיטאַ, האָסט אים געפּאַקט. ער איז פאַרליבט אין דיר. (זי קוקט אים ניט גלויביק אָן) יאָ, יאָ. אַז איך זאָג, ווייס איך. (זי קערט אָפּ דעם קאָפּ.)

ר ו ט: מאַ, גיב מיר אַ שטיקל ברויט.

ר י ט אַ: ניין, קינד, מיר האָבן דאָ ניט לאַנג געגעסן.

ר ו ט: אָז דו גיסט אָבער אַזוי ווייניק עסן.

נ ע ד: מיר אויך ווייניק געגעבן.

ר י ט אַ: זייט גוטע קינדער. איר ווייסט דאָך, מען סטרייקט. אָט וועט זיך נאָך אַ הילפס־קיך עפענען, וועלן מיר האָבן צוויי מאָל אַ טאָג זופּ.

ר ו ט (בעט): אַ קליין שטיקל ברויט, מאַ. כ'וועל ניט קענען שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

נ ע ד: איך בין שוין אַ גרויסער, אָבער... כ'וויל אויך.

(ריטאַ קוקט זיך איבער מיט ראָזיטאַ'ן. גייט צו דער שאַפקע נעבן בעט, נעמט אַרויס אַ שטיקל ברויט, צעברעכט עס אויף צווייען, גיט די קינדער.)

ר ו ט (לאַכט צופרידן): אַ סך ברויט איז זייער גוט.

נ ע ד: און אַז מען האָט שיך איז אויך גוט. קען מען גיין אין גאַס.

ר ו ט (ענדיקט): און זיך וואַרפן מיט שניי..

נ ע ד (זאָגט שטילער): דער גערער הונט האָט אַלץ ביי אונז צו־גענומען.

ר ו ט: וואו איז ער, דער גערער הונט?

נ ע ד: אין אַפיס. ער האָט אַ סך פּאָליציי און ביקסן, און שיסט אויף אונז.

ר ו ט: דו נעם אויך אַ ביקס ביים פּאַ און גיי שיס אים.

נ ע ד: איצט קען איך ניט. אָבער ווען כ'וועל אויסוואַקסן וועל איך עס טאָן. וועסטו זען. (צו דער מוטער) מאַ, ווען איז קריסטמעס נאַכט?

ר י ט אַ: היינט.

נ ע ד: וואו־זשע איז אונזער בוים מיט די ליכטלאַך און שיינע זאַכן?

ר ו ט: כ'וויל אויך ליכטלאַך און שיינע זאַכן!

ר י ט אַ: שטיל, קינדער. ניטאַ: מען סטרייקט.

נ ע ד: דעם בוים מיט די שיינע זאַכן האָט אויך צוגענומען דער גערער הונט?

מ ע ק פ אַ ד ן: יאָ, נעד. דאָס בעסטע אין לעבן נעמען זיי אַוועק פון אונז, די גערע הינט.

(פון יענער זייט וואַנט רעכטס הערט זיך אַ פרויען געוויין. אַלע הערן זיך איין.)

ר י ט אַ: שוין דעם דריטן טאָג, אַז דאָס קינד מוטשעט זיך אָן אַ דאָקטאָר. וואָלט עס שוין בעסער געשטאָרבן!

ר אָ ז י ט אַ (לייגט אַוועק דאָס קינד אויפ'ן בעט): מיינס וועט זיך אויך ניט לאַנג נאָך מוטשען: עס זויגט און ציט. וואָס איז די נוץ, אַז די ברוסטן זיינען ליידיק. און אויב עס ציט שוין אַרויס

א טראָפּן — איז עס גיפט, ניט קיין מילך. (זעצט זיך צום טיש, נעמט אַ העמד צו פאַרריכטן.)

באַרטעללאַ (ענדיקט דעם בריוו. רוט זיך אָפּ אַ ווײַלע. צו אַלעמען) : איר ווילט הערן?

מעקפאַדן: גוט. לעז.

ריטאַ (בויגט צושטימיק דעם קאָפּ).

באַרטעללאַ (לעזט) : טײַערע אַנדזשעליקאַ! אַזוי לאַנג דיר ניש געשריבן, ווײַל בײַ אונז איז אַ סטרײַק. מען האָט אונז אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן, וואוינען מיר איצט אין באַראַקן און האָבן ניט מיט וואָס צו הייצן. קיין קוילן לאָזט מען אונז ניט נעמען. די שטאַט־פּאָליציי, די קאָמפּאַני־פּאָליציי און די גענג־סטערס האָבן שוין בײַ אונז דערשאָסן ניין קוילן־גרעבער און אַ סך שווער פאַרוואונדעט. דער שעריף טוט אויך דאָס זעלבע.

מעקפאַדן: זי וועט דאַרפן ניט ווײַסן, וואָס עס מיינט „גענג־סטער“.

באַרטעללאַ: בײַ אונז טראָגן זיי שוואַרצע העמדלאַך און הייסן „פאַשיסטי“. (שרײַבט עפּעס צו) זי וועט שוין ווײַסן.

ריטאַ: און וואָס ווייסט זי וועגן שעריף?

ראָזיטאַ: דו גיב איר עס בעסער צו פאַרשטיין..

באַרטעללאַ: גערעכט. כ׳וועל צושרײַבן. (שרײַבט צו. לעזט ווײַטער) : טײַערע אַנדזשעליקאַ! מיך האָט מען דערווײַל ניט גע׳הרג׳עט און בלויז איין מאָל האָט דער שעריף אַליין מיר אָפּ־געשאָסן אַ שטיקל באַק. כ׳דענק דאָס איז דערפאַר, ווײַל דער הייליקער לענינאַ היט מיך אָפּ. מיקולין, אונזערער אַ קוילן־גרעבער, האָט מיר אים געשענקט און ער הענגט בײַטאָג און בײַ־נאַכט איבער מײַן קאָפּ. (כאַפּט אַ קוק צום בילד). זע פאַרגעס אים ניט אין דײַנע תפילות אויך אַ בעט צו טאָן. און שטעל אײַן קלויסטער פון זײַנעט וועגן אַ גראָב ליכטל. אַמעריקע איז איצט זייער אַ פאַסקודנע לאַנד : די רײַכע האָבן פײַנט דעם אַרבעטער און מען שיסט און מען שלאָגט פאַר יעדן שטיקל ברויט. די קוילן־קאָמפּאַניס ווילן אַז די קוילן אַז דאָס גאַנצע ברויט בלויז פאַר

זיך. סטרייקן מיר. שלאָגן זיי און שיסן. ווען איך וויים פריער — בלייב איך בעסער מיט דיר אין דער היים. קיין געלט קען איך דיר איצט ניט שיקן. איין דאָלאַר האָב איך — לייג איך אים אַריין אין בריוו. דאָס האָט מיר די יוניאָן געגעבן אויף אַ גאַנצע וואָך לעבן. אַ פרוי קריגט 50 סענט אַ וואָך און אַ קינד פינף און צוואַנציק. (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ דאָלאַר, לייגט אים אַוועק נעבן בריוו, זאָגט מיט אַ זיפץ.) צען סענט געבליבן. איך קוש דיך, אַנדזשעליקאַ, טויזנט מאָל און קוש דאָס קינד און שרייב מיר גלייך ענטפער. דיין געטרייער מאַן דזשוזעפע. (קוקט אַלעמען אָן). גוט?

ר י ט אַ: זייער גוט!

מ ע ק פ אַ ד ן: אַזוי, הייסט עס: ווילן די קוילן־קאָמפּאַניס אי דאָס ברויט אי די קוילן. (לאַכט). גוט געזאָגט.

ר אָ ז י ט אַ: אונזער בלוט ווילן זיי! (

(טריט ביים אַריינגאַנג. אַלע הערן זיך צו. עס קומען אַריין: עלסי מיט אַ בינטל האָלץ אין די הענט, נאָך איר מיקולין מיט אַ זאַק קוילן אויף די פּלייצעס, נאָך אים מאַרטאַ דזשאַנסאָן מיט אַליידיקן עמער אין האַנט.)

ע ל ס י (וואַרפט אַראָפּ דאָס האָלץ נעבן אויוון. לאַכט. ווייזט אויף מיקולינ'ען.): מאַמאַ, ער איז אַ געפערלאַכער גנב: ווי אַ קאַץ איז ער אַריבערגעשפּרונגען דער קאָמפּאַני'ס פּאַרקאַן און אָנגעפילט דעם זאַק מיט קוילן.

מ י ק ו ל י ן: אונזערע קוילן: אַליין געגראָבן.

מ אַ ר ט אַ (פאַרנויגט זיך): גוטן אָוונט!

ר י ט אַ: קום זיץ אַביסל, מאַרטאַ.

מ אַ ר ט אַ: דאָס קליינטשינקע איז אַליין אין הויז געבליבן. דאָס האָט מיך עלסי גערופן אַביסל קוילן נעמען. (ווישט די אויגן.) דזשאַנסאַנ'ען האָבן זיי דערשאָסן. ווער־זשע וועט זיך איצט זאָרגן פאַר דער אָרימער שוואַרצער מאַרטאַ'ן?

מ י ק ו ל י ן: ניט געזאָרגט! אַלע זיינען מיר ברידער און מיר

וועלן דיך ניט פאַרלאָזן. אָנו שטעל נאָר אונטער דעם עמער. (זי שטעלט אונטער דעם עמער. ער פילט אים אָן מיט קוילן.)

מ אַ ר ט אַ (גייט צו אַביסל נעענטער צום טיש. ווענדעט זיך צו ריטאַ'ן) דו ווייסט, אַלע נאַכט קומט ער מיר צו חלום.

ר י ט אַ: ווער, דזשאַנסאָן?

מ אַ ר ט אַ (שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ): אַלע נאַכט. ער קומט פּאַוואָליטשקע אריין אין שטוב, בלייבט שטיין ביי דער טיר און קוקט אויף מיר אַזוי טרויעריק, אַזוי טרויעריק...
(באַרטעללאָ צלמ'ט זיך איבער.)

ר אָ ז י ט אַ (גיט זיך פאַראויס, אָנגעשטרענגט): ער דערציילט גאָר־ניט?

מ אַ ר ט אַ: ניין. קיין וואָרט ניט. שטייט אַ מידער און קוקט אַזוי טרויעריק... (ווישט די אויגן) פּונקט ווי ווען ער פלעגט פון דער שאַכט אַהיימקומען!

ר אָ ז י ט אַ: וואָלסטו אים אפשר אַ פרעג געטאָן עפּעס וועגן ראָדריגעצ'ן?

מ אַ ר ט אַ: ער ענטפערט ניט. אָבער דאָס שרעקלאַכסטע פון אַלץ איז...

ר אָ ז י ט אַ: וואָס?

מ אַ ר ט אַ: וואָס דער טויטער דזשאַנסאָן איז געוואָרן אַ ווייסער. יאָ, יאָ. ער איז שוין מער קיין ניגער ניט. אַ ווייסער. האָב איך מורא פאַר אים. פרעג איך ווי אַזוי איז עס געשען? שווייגט ער.

מ ע ק פ אַ ד ן (לאַכט): ווער ווייסט, מעגלאַך אויף יענער וועלט קערט אונז גאָט איבער מיט'ן אינווייניק ארויס. ווערן מיר די שוואַרצע און איר די ווייסע.

מ י ק ו ל י ן: באָבע־מעשות. געשטאָרבן — איז אויס. מען דאַרף זיך צואיילן אַלץ אָפּטאָן אַזוי לאַנג ווי מען לעבט. (שטעלט אַוועק אַ טשיינוק וואַסער אויפ'ן אויוון.)

מ אַ ר ט אַ (נעמט דעם עמער מיט קוילן): אַ גוטע נאַכט. איך דאַנק אייך.

אַ ל ע: אַ גוטע נאַכט. (מאַרטאַ אָפּ.)

ע ל ס י (הוסט): מאַמע, מײַנע שיך לאָזן דורך דעם גאַנצן שניי.
(זעצט זיך אויף אַ בעטל, טוט אויס די שיך. באַטראַכט זיי.)

מ י ק ו ל י ן (זעצט זיך אַוועק נעבן ראָזיטאַ׳ן, נעמט זי לײַכט אַרום): ניט געזעסן אַזוי פאַרזאָרגט. האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט. אַט וואַרט צו אַביסל. גלײַך ווי מיר געווינען נאָך דעם סטרייק און מען פאַנגט אָן צו אַרבעטן, וועל איך אָנזאַמלען גענוג געלט און מיר׳ן אַוועקפאָרן צו מיר אַהיים, אין סאָוועטן־רוסלאַנד. דאָרטן איז גאָר אַ׳ן אַנדער לעבן. דער אַרבעטער, ער איז דער באַלעבאָס איבער אַלץ. און דער בורזשוי דאַנקט גאָט וואָס מען לאָזט אים לעבן. (קוקט איר אַרײַן אין די אויגן.) ניט געזאָרגט, ראָזיטאַ! דאָס קליינע ראָדריגעצעלע וועט שוין אויסוואַקסן אין אַ ניי לאַנד, אין אַ לאַנד פון אַרבעטער־סאָוועטן. (זי קוקט אים מיט גלויבן אין די אויגן, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אויף זײַן אַקסל.)

מ ע ק פ א ד ן (לאַכט): און מיט אים צוזאַמען וועט אויסוואַקסן נאָך אַ האַלבער טוץ קליינינקע מיקולינטשעקלאַך.

(עלסי וואַרפט אַ בליק אויף ראָזיטאַ׳ן. קערט אָפּ דעם קאָפּ. הוסט.)

ר י ט א (לייגט אַוועק דאָס געניי, גייט צו עלסי׳ן): עפּעס הוסטו שוין צופיל. (באַטאַפּט איר די פיס.) אַך, וואָס פאַרא נאַריש מיידל דו ביסט: די זאָקן זײַנען דאָך ביי דיר אינגאַנצן נאָס! (טוט איר אויס די זאָקן, רייבט איר אײַן די פיס.) נאָך דאָס פעלט אונז איצט — קראַנק צו ווערן. דער דאָקטאָר וועט ניט היילן, דער אַפּטייקער וועט ניט געבן אויף באָרג, און אַפילו דער גלח וועט דיך אויף יענער וועלט מיט קיין גוט וואָרט ניט באַגלייטן. געזונט דאַרפן מיר איצט זײַן, טאָכטער, געזונט ווי די ריזן. (דעקט איר אײַן די פיס. גייט צוריק צו דער אַרבעט.)

מ י ק ו ל י ן (וואַרפט אַ בליק צום טשייניק): אַט זידט שוין די וואַסער. וועל איך מאַכן אַ׳ גלעזל טיי. אַ ציטרין האָב איך גע־קויפט אין שטעטל. וועלן מיר עס איצט אַ לעב טאָן. דו, עלסי, קריגסט די זויערסטע גלאָז טיי, וועסטו ביינאַכט אַביסל דורכ־שוויצן און אויפהערן צו הוסטן. ס׳איז אַ רוסישער מיטל. (הויבט זיך אויף. פון דער צווייטער זייט וואַנט הערט זיך אַ היסטערישער

קוויטש, אַ געלויף, שטימען און אַ פרויען געוויין. ראָזיטאַ לויפט צו צו דער וואַנט, לייגט צו דעם אויער, הערט זיך אַיין. גייט לאַנגזאַם צוריק.)

ר י ט אַ: געשטאָרבן?

(ראָזיטאַ שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ. גייט צו און קוקט אויף איר קינד. באַרטעללאָ צלמ'ט זיך איבער.)

מ י ק ו ל י ן: וואָס קען מען העלפן? מיר לעבן און ווילן איצט טרינקען טיי. (גיסט אָן און שטעלט פאַר יעדן אַוועק אַ טאַסע טיי.)

ע ל ס י (צו מיקולינ'ען): ווען דאַרף דער פּאַ קומען פון צוזאַמענ־פאָר? כ'בין אַזוי אומרואיק.

מ י ק ו ל י ן (קוקט אויפ'ן זייגער): דער באַן פון קליוולאַנד איז שוין געקומען. אין אַ האַלבע שעה אַרום וועלן זיי אַלע זיין דאָ.

ב אַ ר ט ע ל ל אָ: אַז איך האָב געוואָלט מיטפאָרן מיט אַ ביקס אים אָפּהיטן, האָט ער ניט געלאָזט.

ר י ט אַ: כ'האָף מען וועט זיי דאָרטן אויפ'ן צוזאַמענפאָר ניט צעשיסן אָדער אַרעסטירן. (אַ קורצע פּאַוזע.)

ב אַ ר ט ע ל ל אָ (גיט אַ קוק אין רעכטן ווינקל): זאָג נאָר, ריטא, ווערסט שוין מער ניט אויפהענגען קיין הייליקע בילד אין ווינקל?

ר י ט אַ (נאָך אַ פּאַוזע): ניין. אַלץ איז געבליבן אין דער אַלטער הויז. דאָ אין ווינקל געפינען זיך איצט די נשמות פון אונזערע ניין דערשאָסענע. (אַ פּאַוזע.)

ע ל ס י (שטיל): היינט איז קריסטמעס נאַכט. די קריסטלאַכע הייזער איבער דער גאַנצער וועלט זיינען העל באַלויכטן. קריסט־מעס בוימער שטייען איינגעהילטע אין ברענענדיקע ליכטלאַך און אין שפּילצייג. (די קינדער דרייען אויס די קעפּלאַך, הערן זיך אַיין. גייען צו דער שוועסטער, וועלכע נעמט זיי אַרום.) טויזנטער קינדער שפּרינגען מיט פרייד אַרום זיי: קינדער זאַטע, פּאַרפּוצטע, און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף די מתנות, וואָס דער אַלטער „סאַנטאַ קלאָוז" וועט זיי ברייגנען. מיר, קוילן־גרעבער, זיינען, ווי ס'ווייזט אויס, ניט קיין קריסטן און ניט קיין מענטשן, און אונזערע קינדער — קיין קינדער ניט... און... אפשר איז די גאַנצע מעשה וועגן קריסטמעס גאָר אַן אויסגעטראַכטע?

מ י ק ו ל י ן: ס'איז אַ מעשה. עלסי. אונז דערציילן זיי וועגן גאָט, געדולד און געהאַרכזאַמקייט, און וואָס טוען זיי אַליין? דו ווייסט עס צו גוט. דו פילסט עס אויף דיין צעשמיסן לייב און די הענט ניט איינמאָל אין קייטן געקאָוועטע.

ר אָ ז י ט אַ: איך בעט דיך, מיקולין, לאָז גאָט צורו. זיי טוען עס געגן זיין ווילן!

ר י ט אַ (מיט וויי): וואָס־זשע שווייגט ער? ווער דאַרף אים דאַרטן הויך אין די הימלען, ווען מיר גייען דאָ, אויף דער ערד, אוים פון וויי? צי זיינען מיר ניט זיינע קינדער פּונקט ווי אַנדערע? צי האָבן אים אונזערע דערשאָסענע גאַרניט דערציילט? צי ציילט ער ניט די נשמות פון אונזערע פון הונגער און קעלט אומגעקומענע קינדערלאַך? (שרייט) וואו איז ער, דער גערעכטער גאָט?! (וויינט. אַ פּאַוזע.)

מ י ק ו ל י ן (שטיל): ער איז ביי זיי, ביי די רייכע, צוזאַמען מיט אונזער גלח, וואָס לאָזט אונז אין קלויסטער ניט אַריין און בענטשט די הענט פון די מערדער. דער אַלטער גאָט איז זייערער. מיר, אַרבעטער, דאַרפן האָבן אַ נייעם, אַ אונזעריקן. אַזעלכן, וועמען מיר זאָלן קענען פאַרשטיין, וועמענס גערעכטיקייט מיר זאָלן קענען באַגרייפן.

ב אַ ר ט ע ל ל אַ (גיט זיך פּאַראויס. שטרעקט אויס די האַנט צו לענינ'ס בילד): לענינאַ!

מ י ק ו ל י ן: ער איז ניט קיין גאָט, אָבער אַזעלכע דאַרפן מיר.

(עס הערן זיך ווייטע, שיכור'ע שטימען, אַ געלעכטער, אַ פּאָר שאָסן און אַ קינדערשער אויסגעשריי. אַלע קוקן זיך איבער. מיקולין כאַפּט זיין היטל, לויפט צו דער טיר.)

ר אָ ז י ט אַ (כאַפּט אים אָן פאַר'ן האַנט): ניט אַליין, כ'בעט דיר. זיי וועלן דיר דערשיסן. (כאַפּט אַ שאַל) איך וועל גיין מיט דיר!

(עס הערט זיך אַ געלויף און אַ קינדערשער געוויין. די טיר צעעפנט זיך, מייק לויפט אַריין מיט זיין ווייסן הינטל אויף די הענט, נאָך אים פּיט, האַלטנדיק עפּעס באַהאַלטן אונטער'ן רעקל. מיקולין און באַרטעללאַ לויפן זיי אַנטקעגן. באַרטעללאַ לויפט צו דער טיר, קוקט אַרויס, מאַכט זי צו.)

מ י ק ו ל י ן: וואָס איז געשען?

מ י י ק (וויינט): זיי האָבן דערשאָסן מיין באַבי! (ווייזט דאָס פאַרבלוטיקטע הינטל. לייגט עס אַוועק אויף׳ן דיל, שטעלט זיך אויף די קני, גלעט עס, רופט): באַבי! באַבי!

ע ל ס י (רופט מיט׳ן פינגער פיט׳ן. ער גייט צו): וואָס איז געשען?

פ י ט (כאַפּט איבער דעם אָטעם): מיר זיינען געגאַנגען אין גאַס... אין גאַס... איז אָנגעקומען די פּאָליציי פון „אַפּיס" און גענומען שיסן אויף באַבי׳ן. איך האָב אים שטענדיק געזאָגט: מייק, פיר ניט באַבי׳ן אויף קיין שטריקל. טראָג אים בעסער, ווי איך (נעמט אַרויס פון אונטער׳ן רעקל דאָס שוואַרצע הינטל) אויף די הענט. (קושט זיין הינטל.)

מ י י ק (וויינט): אָנקל מיקולין... גיב נאָר אַקוק! כ׳בעט דיך!

מ י ק ו ל י ן (בויגט זיך אָן איבער׳ן הינטל, באַטאַפּט עס): פאַר־פאַלן, מייק: עס איז טויט.

מ י י ק (וויינט): מיין פּאַ האָבן זיי דערשאָסן, מיין באַבי׳ן אויך...

מ י ק ו ל י ן (הויבט זיך אויף, קוקט זיך איבער מיט די אָרומיקע, פאַררויכערט.)

פ י ט (באַהאַלט זיין הינטל אונטער׳ן רעקל): כ׳וועל מיין פּרינסי׳ן שוין מער אין גאַס ניט אַרויסנעמען אַפילו.

מ י י ק (שפּרינגט אויף מיט כעס): דזשעקסאָן האָט צוויי פּודלס. וועל איך זיי ביידן הרג׳ענען. איך וועל זיי שוין קריגן! (נעמט דאָס טויטע הינטל, גייט אַרויס מיט אַ געוויין.)

פ י ט: איך וועל מיין הינטל שוין איצט האַלטן בלויז אין הויז. (אַפּ. אַ פּאַוזע.)

ב אַ ר ט ע ל ל אַ (פאַר זיך): אַ מעסער אין די ביי‌כער...

ג ע ד: עלסי, מיר׳ן היינט ניט האָבן קיין קריסטמעס בוים? וועט סאַנטאַ־קלאָוז אונז גאָרניט ברייננגען?

ר ו ט: איך וויל שיינע זאַכן.

ע ל ס י: ניין, קינדער. ער וועט אייך היינט גאָרניט ברענגען.

ג ע ד: אפילו קיין שיך ניט?

ר ו ט: איך וויל שיך!

ר י ט אַ (טראָגט אַריבער די קינדער אין גרויסן בעט): שלאָפן, קינדער. (טוט זיי אויס) סאַנטאַ־קלאָוז איז היינטיקן יאָר זייער אַ שלעכ־טער, קומט בלויז צו יענע קינדער וואָס זיינען וואַרים אַנגעטאָן און האָבן אַ סך עסן. יענע זיינען רייכע און מיר אָרימע. זיי זיינען שטאַרקע און מיר שוואַכע. זיינען זיי געקומען און אַלץ פאַר זיך צוגענומען.

נ ע ד: פאַרוואָס נעמט דער פּאַ ניט אַוועק אַלץ ביי זיי?

ר ו ט: איך וויל נייע שיך!

ר י ט אַ (ווייזט דורכ׳ן פענצטער): קוקט, קינדער. איר זעט די באַלויכטענע פענצטער? דאָרטן איז אַלץ פאַראַן און ביי אונז גאָרניט. אַלץ האָבן זיי אַוועקגענומען. ווען איר וועט אויסוואַקסן — פאַרגעסט עס ניט!

(די קינדער קוקן זיך איין אין פענצטער.)

נ ע ד (ווייזט מיט׳ן פויסט אין ריכטונג צו די באַלויכטענע פענצטער. שרייט אויס): דעמיט!

ר ו ט (חזר׳ט איבער וויינענדיק, דראָענדיק מיט׳ן הענטל): דעמיט!

ר י ט אַ (לייגט זיי אַוועק, דעקט זיי איין. גיט יעדן פון זיי אַ קוש): אַ גוטע נאַכט! (זעצט זיך צוריק צו דער אַרבעט.)

ב אַ ר ע ט ל ל אַ: האָסט פאַרגעסן צו זאָגן מיט זיי די נאַכט־תפילה.

ר י ט אַ: זיי האָבן זי געזאָגט. „דעמיט" — הייסט זי. האָסט ניט געהערט?

(טריט אין דרויסן. סטיווענס קומט אַריין מיט פּאַל׳ן און בלעק׳ן. די לעצטע צוויי טראָגן צו זעקלאַך קוילן אויף די פּלייצעס. לייגן זיי אַוועק נעבן אויוון. טרייסלען זיך אָפּ.)

מ ע ק פ אַ ד ן (לאַכט): אויב נאָך קוילן — וועל איך מאַכן אַביסל וואַרימער. (וואַרפט אין אויוון נאָך קוילן.)

ס ט י ו ו ע נ ס (נעמט אַראָפּ פון זיך דעם מאַנטל): דער פראָסט שטייגט. (נעמט אַרום עלסי׳ן, גלעט זי איבער׳ן קאָפּ): וואָס מאַכסטו, טאָכטער?

ע ל ס י (ציט אים צו זיך, שפּאַרט צו דעם קאָפּ צו זיין אַקסל): אַז

דו ביסט דאָ איז שוין אַלץ גוט. (פרעגט שטילער) וואו איז וואַבלי?

ס ט י ו ו ע נ ס (דערלאַנגט איר אַ בוך): ער איז אַוועק צו זיך אָנשרייבן אַ פּאָר נויטיקע בריוו. ער וועט באַלד זיין דאָ. אָט האָט ער דיר אַ גוטן בוך געקויפט.

(עלסי שמייכלט צופרידן. עפנט דעם בוך, קוקט אים דורך.)

ר אָ ז י ט אַ: פון וואַנעט שלעפּט איר די קוילן?

ב ל ע ק: פון'ם שטעטל.

פּ אַ ל: אין אַ קראָם אויף באַרג געקריגן.

מ ע ק פ אַ ד ן: אַזאַ הינטישע לאַגע: אויף מיילן אַרום קיין שטיקל ערד ניטאָ — בלויז קוילן. און מיר — קוילן־גרעבער, דאַרפן אויספרירן אָדער אַזש פון שטעטל ברענגען אויף באַרג.

ר י ט אַ: אויב מען גיט נאָר.

ב אַ ר ט ע ל ל אַ: אַלע קוילן זיינען אונזערע. מען דאַרף אַליין נעמען.

מ י ק ו ל י ן: איך גיס אייך אָן טיי און איר דערציילט נייעס פון'ם צוזאַמענטרעף.

ב ל ע ק: אַ סך נייעס פאַראַן. גוטע און שלעכטע.

ר י ט אַ: צו שלעכטע זיינען מיר שוין צוגעוואוינט. וואָס זיינען די גוטע?

ב ל ע ק: די באַוואוסטזיינקע אַרבעטער איבער'ן לאַנד האָבן זיך אָפּגערופן אויף אונזער רוף נאָך הילף. זיי פאַרשטייען אונזער לאַגע און די וויכטיקייט פון אונזער קאַמף. דער רויטער הילפס־קאָמיטעט האָט היינט פרי פאַר אונז צוגעשיקט אַ וואַגאָן מיט קליידער און עסנוואַרג. (אַ פריידיקע באַוועגונג.)

ב אַ ר ט ע ל ל אַ: אַ וואַגאָן?

פּ אַ ל: יאָ, אַ גאַנצן וואַגאָן!

ב ל ע ק: מאָרגן פרי וועלן זיי ברענגען די זאַכן אַהער.

ר אָ ז י ט אַ: מילך אויך?

פּ אַ ל: דריי קאַסטנס. מאָרגן וועלן שוין אַלע קינדער האָבן מילך!

(ראָזיטאַ קוקט אויפ'ן קינד. ווישט די אויגן.)

מיקולין (פרייליך): פיין! נו, וואס נאך פאר א גוטע נייעס האט אונזער ארבעטער סאנטא־קלאוז אונז היינט צוגעשיקט?

סטיווענס: אין פיטסבורג האט אונזער צוזאמענפאר אויסגעקליבן א קאמיטע פון ערלאכע פירער. מיר האבן גלייך ארויסגעשטעלט א לאזונג: „דאטעווע די יוניאן און געווין דעם סטרייק!" מיר'ן גיך האבן אן אלגעמיינעם צוזאמענפאר, און וועלן מעגלאך גרינדן א נייע יוניאן! זעלבסטפארשטענדלאך, אז די קוילן־בארא(נ)נעו און אונזערע יוניאן־פירער האבן אלץ געטאן צו שטערן אונזער ארבעט! (לאכט) וואבלי'ן און מיר האבן די קאמפאני־שפיאנען פון אויג ניט אפגעלאזט. א פאר מאל געפרואווט צו פארפירן א געשלעג. אונזערע זיינען אבער געשטאנען אויף דער וואך. וואבלי וועט באלד זיין דא.

מעקפאדן: טייערע נייעס! (ווארפט צו אביסל קוילן): אויב אזוי — זאל זיין אביסל ווארימער!

(פון ווייטנס דערטראגט זיך א שיכור'ער געזאנג, אויסגעשרייען און א פאר רעוואלווער שאסן. אלע הערן זיך צו.)

מעקפאדן: די פאטריאטן זיינען שוין ווידער ארויס ראטעווען דאס פאטערלאנד.

ריטא: מען דארף פארלעשן דעם לאמפ! (פארלעשט אים.)
(דורך די פענצטער רייסט זיך אריין א רויטער אפשיין.)

ראזיטא (לויפט צו, קוקט ארויס): זיי גייען מיט פאקעלן און שיסן אין די הייזער. זיי זיינען שיכור!

סטיווענס: שנעל, דעקט איבער די קינדער מיט א מאטראץ. צוויי מאטראצן אין רעכטן ווינקל, און קומט אלע אהין.
(עס ווערט שנעל געטאן. אלע רוקן זיך צוזאמען אין רעכטן ווינקל. די געשרייען און געזאנג קומען צו נעענטער. דורך די פענצטער זעען זיך ברענענדיקע פאקעלן. מען שיסט אפט. מען זינגט: „מאי קאונטרי!" די געשרייען און שיסעריי זיינען שוין פאר'ן באראק.)

ראזיטא: זיי וועלן נאך דורכשיסן די שויבן. מען דארף עפענען די פענצטער!

בלעק (שטעלט זיך אויף, גייט צום פענצטער לינקס, עפנט עס.)

עלסי: פארזיכטיק, בלעק!

בלעק: איך שפּיי אויף זיי! (קומט צוריק. פאַל עפנט דאָס צווייטע פענצטער.)

(אַ פּאַוזע. דאָס געזאַנג און געשרייען דערוויטערן זיך. אין צימער ווערט ווידער פינצטער. ריטאַ צינדט אָן דעם לאָמפּ. מעקפאַדן מאַכט צו די פענצטער. אַלע פאַרנעמען זייערע פריערדיקע פּלעצער. אייניקע פאַררויכערן.)

סטיווענס: וואָס פאַר אַ איראָניע! (חזר'ט איבער) „מאַי קאָונטרי, די סוויט לענד אָוו ליבערטי, די לענד אָוו נאָובל, פרי..."
(לאַכט ביטער.)

בלעק: מיר ווילט זיך ווייגען: ניט קיין „דעמאָקראַטיע" האָב איך מיט מיין בלוט אויסגעקעמפט, נאָר אַ שקלאַפעריי פאַר זיך און דעם ארבעטער קלאַס.

פאַל: איך וועל שוין דיין טעות, בלעק, ניט איבער'חזר'ן. מיר וועט מען שוין ניט נאַרן: איך ווייס וואו דער אמת'ער שונא געפינט זיך!

מיקולין: זיי לערנען אונז גיך און גוט אויס.

ריטאַ: מיין עלטסטער זון איז פרייוויליק אַוועק. ווען ער האָט דעם אמת דערזען, האָבן אים שוין ביידע פיס געפעלט.

עלסי (שטיל): ליגנער! אַ קללה אויף זייערע קעפּ!

(אַ פּאַוזע. עס הערן זיך לויפנדיקע טריט. מען קלאַפּט האַסטיק אין טיר. מיקולין און פאַל לויפן צו. באַרטעללאַ שטעלט זיך הינטער זיי, מיט געבוילטע פויסטן.)

פאַל: ווער איז עס דאָרטן?

אַ פרויען שטימע: איך בין עס, מאַרטאַ. מאַרטאַ דזשאָנסאָן! עפנט אויף!

(מיקולין עפנט אויף. זי פאַלט אַריין. שטיקט זיך פון געלויף.)

מיקולין: וואָס איז געשען?

מאַרטאַ (מאַכט אַ טראָט אין ריכטונג צו סטיווענס'ן): ביל, וואַבלי'ן . . .

סטיווענס (גיט זיך פאַראויס): וואָס איז געשען מיט וואַבלי'ן?

מאַרטאַ (ווייזט אין גאַס): זיי האָבן אים דערשאָסן! ארויס-

געשלעפּט פון הויז און דערשאָסן!
פּאַוזע. בלעק גײט שנעל אַרויס. באַרטעללאַ, פּאָל און מיקולין גיבן זיך אַ לאָז נאָך אים. עלסי טרעט אַ פאַרצווייפלטע צוריק.)

סטיווענס (פאַרלויפט זיי דעם וועג, בלייבט שטיין געגן זיי מיט דער פּלייצע צו דער טיר און די הענט ברייט צעשפּרייט. קוקט באַפעלנדיק אין זייערע פינקלענדיקע אויגן. אַ פּאַוזע. זייערע קעפּ פאַלן. ער זאָגט שטיל): באַרטעללאַ, קום דו מיט מיר! (צו די איבעריקע): וואַרט דאָ. כ׳וועל באַלד זיין צוריק. (אָפּ מיט באַרטעללאַ׳ן.)
(אַלע שטייען מיט געבויגענע קעפּ. אַ פּאַוזע.)

פאָרהאַנג

פינפטער אַקט

ניינטע בילד

אַ שוואַרצע הויכע געביידע איבער׳ן אַריינגאַנג צו דער „קאָלאָמביאַ“ קוילן־גרוב. זעקס אין דער פרי. עס הערט זיך דאָס רויש פון די מאַשינען. פונ׳ם גראָבן הערן זיך אָפּט קלאַנגען פון אַ גלעקל. מען קלינגט צו צוויי און דריי מאָל. ביידע הויב־קאַסטנס טראָגן זיך אַ פּאָר מאָל דורך אַראָפּ און אַרויף. אַן אַרבעטער לויפט אָן צום אַריינגאַנג, גיט איין צי דעם שטריק. עס הערט זיך אַ קלונג. דער הויב־קאַסטן בלייבט שטיין. ער גייט אַריין, גיט צוויי קלינג און פאַרשווינדט אין דער טיף. בלויז די צוויי שטאָלענע שטריק ציטערן אין דער לופטן. רעכטס אַ ריי הייזער. אין אייניקע פענצטער — ליכט. אַ קליינע פּאַוזע. עס הערן זיך צוויי גלעקל־קלאַנגען. דער הויב־קאַסטן קומט אַרויף. פון אים גייען אַרויס: דזשעקסאָן און דער „פייער־באָס“ מיט אַ „פאַרזיכערונגס“־לאָמפּ אין האַנט.
דער שעריף און טאַם קומען זיי אַנטקעגן פון רעכטס.

דזשעקסאָן (צום „פייער־באָס“): קען מען, הייסט עס, היינט אָנפאַנגען?

פייער־באָס: זיכער. דורכגעקוקט דעם גאַנצן גראָבן. אַלץ אין אָרדנונג.

דזשעקסאָן (ווייזט אין ריכטונג פון די הייזער): גיי אַריין, קוק זיי דאָרטן דורך. (פייער־באָס אָפּ. צום שעריף): וואָס הערט זיך ביי דיר?

ש ע ר י ף: אַלץ פאַרטיק.ביידע וועגן אהער זיינען פאַרצאַמט. אויף יעדן געפינען זיך צו 30 מאַן. מיר האָבן פיר קוילן־וואַרפערס און איבערגענוג ביקסן, רעוואָלווערן און קלאָבס.

ט אָ ם: קיין לעבעדיקע וועלן זיי שוין אהער ניט דערגיין.

ד ז ש ע ק ס אָ ן: געדענקט: פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט געהאַט. איר ווייסט דאָך שוין. דער גראָבן מוז היינט אָנפאַנגען אַרבעטן אום יעדן פּרייז. וויפיל אַרבעטער איז פאַראַן?

ש ע ר י ף: צוואַנציק שוואַרצע מיט וואַשינגטאָנ׳ען אין דער שפּיץ. באַרבאָני האָט געבראַכט זעקס איטאַליענער און פינף מעקסיקאַנער און איוואַניעץ א טוץ פּאָליאַקן.

ד ז ש ע ק ס אָ ן: גאַנץ ווייניק. אָבער מיר׳ן אָנפאַנגען. די סטרייקערס זאָלן זען, אַז מען אַרבעט. וויפיל זיינט איר דאָ פאַראַן?

ט א ם: מיר ביידע, צוויי פון מיינע און אייער אַ פּאָליציי־מאַן.

ד ז ש ע ק ס אָ ן: איבערגענוג. אָבער האַלט אַן אויג אויף די נייע. ווער ווייסט וואָס זיי קענען אָפּטאָן!

ש ע ר י ף: זייט רואיק.

(אַלע אָפּ רעכטס. פון אונטער דער וואַנט פון „שעפּט" — לינקס דערשיינט גרין, נאָך אים פּאָל און בלעק.)

ג ר י ן (ווייזט אָן אויף די באַלויכטענע הייזער): דאָרטן געפינען זיך די סקעבס. 40 אָדער 41. מיט זיי 5 הינט, דעם שעריף אַריינגערעכנט. ווען איר וועט זען אַ רויך פון אָט יענעם קוימען, איז עס אַ סימן, אַז זיי גייען שוין אַרויס. אַרבעט שנעל: זיי זאָלן ניט קענען קריגן קיין הילף פון די וואָס היטן די וועגן!

ב ל ע ק: גוט. מיר דאַנקען דיר.

פּ אָ ל (גיט אים אַ לייכטן קלאַפּ איבער׳ן אַקסל): ביסט אַ גוטער בחור, גרין! אַ שאָד...

ג ר י ן (וויל גיין, פאַרהאַלט זיך אויף אַ ווײַלע): אויב מען וועט שיסן... היט עלסי׳ן... זי וואַרפט זיך צופיל אין פייער.

פּ אָ ל: גוט.

(גרין אָפּ רעכטס, פּאָל און בלעק פאַרשווינדן לינקס. אַ פּאַוזע. פונ׳ם

הויז דערטראָגן זיך שטימען. עס קומען אַרויס די סטרייק־ברעכער. פּאַראַדיס: וואַשינגטאָן, באַרבאַני און איוואַניעץ. ביי דער זייט — דזשעקסאָן, דער שעריף, טאַם, 1טער און 2טער גענגסטער, 1טער פּאָליציי־מאַן.)

דזשעקסאָן (צו די אַרבעטער): איך פאַרזיכער אייך, איר וועט אַרבעטן א גאַנצן יאָר אָן אויפהער.

שעריף: הערט זיך ניט צו וואָס די סטרייקערס, די שמוציקע באָלשעוויקעס, דערציילן אייך! מיר'ן זיי אַלעמען נאָכ'ן סטרייק פון לאַנד אַרויסשיקן.

טאַם: האָט ניט מורא: קיין לעבעדיקע וועלן זיי אייך ניט צו־קומען.

1טער גענגסטער: ווען סטרייקערס ריידן צו אייך, — איז דער בעסטער ענטפער — א קנאַק מיט'ן רידל איבער'ן קאָפּ!

2טער גענגסטער: מען טוט פאַר דעם גאָרניט!

1טער פּאָליציי־מאַן: מיר האָבן שוין ניין פון זיי אָוועקגעלייגט.

(די סטרייק־ברעכער קוקן זיך ניט זיכער אַרום.)

דזשעקסאָן: האָט קיין מורא ניט: מיר היטן אייך גוט.

שעריף: הונדערט מאַן מיט מאַשין־ביקסן וואַרטן שוין אויף זיי.

וואַשינגטאָן: איך האָב קיין מורא ניט!

באַרבאַני: איך קען ניט סטרייקן מער! אַלע ביי מיר אין שטוב זיינען קראַנק!

איוואַניעץ (צו דזשעקסאָנ'ען): זאָג, באָס, וועסטו אַלע טאָג געבן צו צען דאָלאַר? אַנדערש גייען מיר ניט אַרבעטן.

דזשעקסאָן: זיכער. אַלע טאָג נאָך דער אַרבעט קריגט איר צו צען דאָלאַר און צו גלעזער שנאַפּס.

(ווען זיי שטייען שוין ביים אַריינגאַנג פון דער שאַכט, לויפן פון לינקס אַרויס מיט געשרייען: סטיווענס, פּאַל, עלסי, מיקולין, בלעק, ראָזיטאַ, מעקפּאַדן, ערשטע און צווייטע פרוי, מאַרטאַ, נאָך קוילן־גרעבער מיט זייערע פרויען. אַלע וואַרפן זיך צו די סטרייק־ברעכער, שרייען.)

שטימען: „צוריק פון דער שאַכט!" „איר וועט ניט גיין

ארבעטן!" „מיר'ן ניט לאָזן!" „זייט ניט קיין סקעבס!" „אַלע אריבער צו אונז!" „מיר זיינען אויך הונגעריק!" „צוזאַמען סטרייקן!" „אַוועק פון די גראַבנס!" „צוזאַמען!" „צוזאַמען אין קאַמף!"

(די סטרייק־ברעכער וואַרפן זיך אויף צוריק. די היטער ווערן צו־טומלט.)

דזשעקסאָן (קומט צו זיך. כאַפּט אַרויס זיין רעוואָלווער, שרייט): סטרייקן!" „אַוועק פון די גראַבנס!" „צוזאַמען קעמפן!"

(די היטער כאַפּן אַרויס זייערע רעוואָלווערן, צעשפּרייטן די הענט. האַלטן אָפּ די וואַגנס סטרייקערס. מייק און פּיט גליטשן זיך אַרויס פון צווישן די סטרייקערס.)

מייק און פּיט (מיט שטיינער אין די הענט, שרייען איינ־צייטיק): סקעבס! סקעבס! שמוציקע סקעבס!

טאָם (צום 1טן גענגסטער): לויף שנעל און ברענג הילף! (דער לעצטער אַנטלויפט.)

דזשעקסאָן (שרייט אים נאָך): געשווינד! (צו די סטרייקערס) איך וואָרן אייך, מיר'ן שיסן. אויב איר וועט זיך רירן פון אָרט!

וואַשינגטאָן (טרעט אַרויס פאָראויס. נאָך אים באַרבאַני און איוואַניעץ): איך האָב פאַר זיין קיין מורא ניט! איך קען ניט סטרייקן מער! דאָס אַלץ!

איוואַניעץ: איך אויך ניט!

באַרבאַני: מיינע קינדער זיינען קראַנק!

סטיווענס (שרייט): וואַשינגטאָן, דער טויטער דזשאַנסאָן און מיר ווייסע אַרבעטער האָבן דיך געהאַלטן פאַר אַן ערלאַכן מענטשן!

עלסי: וואַשינגטאָן, ווער ניט קיין פאַררעטער!

פּאַל: באַרבאַני, איוואַניעץ, לאָזט זיך ניט פאַרפירן! פאַרקויפט ניט אייערע נשמות פאַר צען דאָלאַר אַ טאָג!

ראָזיטאַ: זיי האָבן מיין מאַן דערשאָסן, די בלוטיקע הינט!

מאַרטאַ: עי, איר ניגערס, מען וועט אייך דערשיסן ווי מען האָט מיין דזשאַנסאָן'ען דערשאָסן!

שעריף (שטעלט אָן דעם רעוואָלווער): שווייגט, אָדער איך שיס!

פּאָל (גיט זיך אַ ריס פאַראויס, האַלט די רעכטע האַנט אין קעשענע): אַ קויל פאַר אַ קויל, דו אַלטע פּגירה!
טאָם (אומרואיק צום שעריף): לאָז צורו: זיי האָבן געוועג.
באַרטעללאַ: ברידער איטאַליענער, צו אונז אַריבער! צו־זאַמען קעמפן!
ריטאַ: איוואַניעץ, דיר וועל איך די אויגן אויסרייסן!
דזשעקסאָן: שעריף, טאָם, וואָס שטייט איר? טרייבט זיי פון דאַנען!
בלעק: זע, מיר זאָלן דיך אַליין גיך פון דאַנען ניט פאַרטרייבן!
ראָזיטאַ: דו, געלער הונט! אויף דיין קאָפּ אונזער בלוט!
מיקולין: ברידער, צו אונז! אַלע אַריבער צו אונז!
שטימען: צו אונז! זייט ניט קיינסקעבס! צו אונז, וואַשינג־טאָן, איוואַניעץ! באַרבאַני! נידער מיט די גענגסטערס! צו־זאַמען קומט קעמפן! מיר זיינען אויך הונגעריק! טויט דעם פאַר־קויפטן שעריף! נידער מיט דער בלוטיקער פאָליציי! לעבן זאָלן אונזערע נייע פירער! הוראַ פאַר דער נייער יוניאָן! פאַר דעם דזשעקסאָנוויל סקייל!
דזשעקסאָן: שיסט!
בלעק (טרעט אַרויס פאַראויס, שרייט צו דזשעקסאָנ׳ען): איך קען בעסער שיסן! קום אַהער, דו געלער!
עלסי (רייסט זיך צווישן דעם שעריף און טאָמ׳ען, צעשפּרייט ביידע הענט ווי פליגלען): ברידער, פאַרראַט אונז ניט! מיט אונז קומט! (לויפט צו, כאַפּט אַרום וואַשינגטאָנ׳ס האַלז, שרייט דורך טרערן): שוואַרצער ברודער דזשאָרדזש, וועסטו פאַרראַטן דיין ווייסע שוועסטער עלסי? (וואַשינגטאָן לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. זי כאַפּט אַרום באַרבאַני׳ן) און דו באַרבאַני, ביסט דאָך אַזאַ גוטער יוניאָן מאַן־געווען! קום אויך! און דו, איוואַניעץ! קומט, מיר׳ן אייך העלפן (פירט זיי מיט זיך. גרין טרעט אַרויס פאַראויס פון צווישן די סטרייק־ברעכער, היט עלסי׳ן מיט׳ן בליק.)
די סטרייקער (באַגייסטערט): הוראַ! אַלע ברידער! צוזאַמען קעמפן! הוראַ! צוזאַמען!

ד ז ש ע ק ס אָ ן (לויפט צו, וויל אָפּרייסן עלסי׳ן פון די אַרבעטער. שרייט): אַוועק, דו גאַסן־מויד! (רייסט זי.)

וו אַ ש י נ ג ט אָ ן (שטויסט אים פון איר מיט ביידע הענט): לאָז זי אָפּ! זאָלסט זי ניט וואַגן צו טשעפּן!

ג ר י ן (וואַרפט זיך פאָראויס, כאַפּט אַרויס אַ רעוואָלווער, שטעלט אים אָן אויף דזשעקסאָנ׳ען): נעם אַראָפּ פון איר דיינע שמוציקע הענט!

(דזשעקסאָן טרעט דערשראָקן צוריק.)

מ י י ק א ו ן פּ י ט (טאַנצן אונטער, דראָהען דזשעקסאָנ׳ען מיט די שטיינער): געלער הונט! פאַל און שטאַרב! פאַל און שטאַרב!

ר אָ ז י ט אַ (וואַרפט זיך פאָראויס, שרייט היסטעריש): מערדער! איר וועט ניט עפּענען קיין שאַכטן!

ד י ס ט ר י י ק ע ר: הוראַ! צוזאַמען! לאַנג לעבן זאָל דער סטרייק! נידער מיט די קוילן־באַראָנען! סאָלידאַריטי! צו־זאַמען אין קאַמף! נידער מיט דער קוילן־און־אייזן פאָלים! אין שטעטל אַריין! נידער מיט די גענגסטער! טויט דעם געלן הונט! סאָלידאַריטי! זינגט סאָלידאַריטי!

(די סטרייקערס גיבן זיך אַ ריס פאָראויס, מישן זיך אויס מיט די סטרייק־ברעכערס. אַלע לאָזן זיך רייענווייס לינקס. פאָראויס עלסי אַרומגענומען מיט וואַשינגטאָנ׳ען, נאָך איר ראָזיטאַ מיט איוואַניעצ׳ן און ריטאַ מיט באָרבאָני׳ן. נאָך זיי די איבעריקע. מען זינגט „סאָלי־דאַריטי.“ סטיווענס גייט אָפּ דער לעצטער.)

ס ט י ו ו ע נ ס (פאַרהאַלט זיך אויף אַ ווײַלע, זאָגט צו דזשעקסאָנ׳ען): און ווען די צייט וועט קומען, וועט איר צאָלן פאַר יעדער טרער, פאַר יעדן טראָפּן בלוט! (גייט אָפּ. דזשעקסאָן קוקט אים נאָך. די וועכטער שטייען מיט געבויגענע קעפּ. אַ פּאַוזע. פון ווייטנס הערן זיך די קלאַנגען פון „סאָלידאַריטי.“)

ד ז ש ע ק ס אָ ן (באַטראַכט שפּאָטיש זיינע אָנגעשטעלטע. לייגט אַריין דעם רעוואָלווער אין קעשענע. פאַררויכערט. זאָגט שטיל): גאָד־דעמיט! (רויכערט.)

פ אָ ר ה אַ נ ג